STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07255

FARN MORGENSHTEREN

Peretz Hirschbein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ הירשביין

פארן מארגענשטערן

ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו יאָרק.

פאַרן מאָרגנשטערן

דער שטראַל

ליגט אין וויג א קינד, נעכטען פון מוטער־ליִיב ארויסגעקומען, געשפּייזט פון דער מוטערס בלוט, געוואַרימט פון דער מוטערס האַרץ. שטיל. די אויגען צוגעמאַכט, די ליפּען צונויפגעצויגען און די רויהע רויטקייט אין דער הויט פון פּנים — וואָס זאָגט זי?

גאָרנים.

האָט דאָס קינד א ציטער געגעבען. די ליפּען באַשטראַלט געווארען — דאָס קינד שמייכעלט.

די רויהע הויט איז ליכטיגער געווארען. די ליכטיגקייט שטראַלט פון יונגען האַרצען דורך די בלוטען ארויס. —

פארן מאָרגנשטערן

ווער איז ער אָט דער אומבאַקאַנטער שטראַל, וואָס איז פון ערגעץ אָנגעקומען אָן האַרצען זיך אָנגעשלאָגען און זיך צושלאָגען, צושפליטערט און איז אין בלוט אריין?

ווער איז ער, אָט דער אומבאַקאַנטער שטראל, וואָס האָט זיך אין אונזער האַרצען צופעדימט און אויסגעשפונען, אויסגעפלאָכטען א ליכטיגע וויג פאר אונזער לעבען?

וואו האָט ער געוואוינט דער ליכטיגער מלאך ווען אונזער האַרץ איז אין דער פינסטער גע־לעגען און פון א פרעמדען וועהטאָג זיך געפלאַגט? האָט ער נאָך אונז אזוי געבענקט ווי מיר נאָך איהם? האָט ער אָהן אונז אזוי געשמאַכט ווי מיר אין דער רגע פון יאוש?

יעדער טראָפען טוי אויפ׳ן שפיץ גראָז אין ליכטיגען פריהמאָרגען שפיגעלט אָפ אין זיך א ליכטיגען פריהמאָרגען. יעדע אויג פון טרויער

זעקס

דער שטראַל

פאַרטערטער שפּיגעלט אין זיך אָפּ אַ טרויעריגע וועלט, און ווען דורך אונזערע אויגען ציהט אונ־זער תוך צו דער גרויסער וועלט, וואָס ארום אונז — קומט דעמאָלט יענער אומבאַקאַנטער שטראַל און באַלייכט דעם וועג פון וועלט צו וועלט.

אויף די גרעניצען פון טאָג און נאַכט איז אַמאָל דער מענש געזעסען. אויף די גרעניצען פון זונאויפגאַנג און שקיעת־החמה האָט ער זיין בעט אויסגעבעט. צום שוועל וואו נאַכט און טאָג האָבען זיך באַגעגענט האָט ער זיין ווילען איבערגעטראָגען; אין פאַרבענשפּיל פון זונען־אונטערגאַנג האָט ער זיין האַרץ אַריינגעוואָרפען און מיט פאַרמאַכטע אויגען געוואַרט אויף דעם איינאונאיינציגען שטראַל, וואָס וועט זיך פון יענער צופלאַקערטער ליכטיגקייט אָפּרייסען און קומען באַלייכטען זיין לעבען.

זיבש

פארן מארגענשטערען

— זיין גאָט האָט ער געזוכט !

דער היינטיגער מענש האָט זיין גורל פאר־שלאָסען אין זיין אייגענעם הארצען און דורך פאַרטרערטע אויגען קוקט ארויס אזא טרויעריגע וועלט, אָבער צי קען דען לאַנג אונזער נשמה בלייבען ניט באַשטראַלט, אונזער האַרץ ניט באַ־לויכטען, אונזער גורל אין א פינסטערער תפיסה געפאַנגען ?

* * *

— טרויער !

עס איז א קינד וואָס איז געבוירען געוואָ־רען צו אונזער לעבען אויפ'ן שוועל פון לויטערער ליכטיגקייט, און שווערען חושך. און דאָך ווי לאַנג די פאַרטרערטע אויג איז פון יענעם שטראַל באַלויכטען, אזוי לאַנג געהט אויף די זון אין מזרח זייט.

דער ליכטיגער שמייכעל אויף די ליפען פון

דער שטראַל

א קינד, דער ליכטיגער חלום פון דער עלטער אויפ'ן שוועל פון אייביגען לעבען; די רגע ווען אונזער גורל האָט זיך פון געפּענגעניש ארויסגעריסען און נאָך איהם אונזער האַרץ אין געיעג; די רגע ווען דער גוסס עפענט אויף צום לעצטען מאָל זיינע אויגען און דער בליק, אזוי שאַרף באלויכטען, דרינגט אין דער ווייטקייט צום לעצטען מאָל — אלץ יענער אומבאַקאַנטער שטראַל האָט דעם וואונדער באַוויזען.

אָט איז ער דער גורל אונזערער. פון האַנט צו האַנט געשליידערט און אונזערע בליקען יאָגען איהם נאָך — דער חלום פון אונזער ווירקליכקייט — און אָט איז ער אונזער גורל אזוי נאָהנט; ער צערטעלט זיך צו אונז, בעט אוים פאַר אונז א געלעגער פון רוה און גליק, חן און רחבות — און מיט אַמאָל איז ער פאַרפלויגען פון אונז — אונזער מלאך, אונזער געלעגער איז

פאַרן מאָרגנשטערן

וויסט; פינסטער, דערנער, צער און פּחד. פון האַרצען ציהען אונהיימליכע וועגען וואָס רופען אהין, אהין...

— וואוהין ?

דער גוסס ציהט אויס אין דער לעצטער רגע זיינע הענט און רייסט זיך אהין, אהין...

— וואוהין ?

— צו דער אומבאַקאַנטער גרויקייט, וואָס שפּרייט זיך אין דער פרעמדער ווייטער ווייט.

קליין איז די וועלט אָבער גרויס איז אונ־זער האַרץ.

קורץ זענען אלע וועגען, וואָס פירען ארויס ווייטער פון דעם אייגענעם האַרצען. עס האָט זיך די וועלט אין אונזער האַרצענס קלענסטען, קלענסטען ווינקעלע באַהאַלטען אלע לעבענס וועגען — קליינע שטריכעלאך נים צו דערזעהן און

ניט צו ענטפּלעקען. אויך דאָרט איז יענער גרוי־סער וועג נאָך וועלכען מיר בענקען אזוי.

ניטאָ קיין לעבען אויסער אונז.

דאָרט וואו אונזער געדאַנק האָט זיך ניט דערטראָגען איז עק לעבען. דאָרטען וואו דאָס קלאַפּען פון אונזער הארצען האָט זיך ניט דער־טראָגען, איז עק לעבען, דער ברעג פון אלע וועלטען.

— ווער קוקט עס ארוים דורך פאַרטרערטע אויגען אזוי טרויעריג באלויכטען?

— אונזער גורל ארומגערינגעלט מיט אלע שענע וועלטען, צו ווענען אונזער באַגער איז אזוי גרוים, אזוי גרוים.

אויך יענער שטראַל ציטערט, ציטערט צווי־שען אונזערע אייגענע חלומות־וועלטען, קינדער פון אונזער ווירקליכקייט.

פאַרן מאָרגנשטערן

אויף דער ווייטער פריהמאָרגען, אונזער פריהמאָרגען, איז דאָרטען.

אויף דער אָוונט, אונזער אָוונט, איז דאָרטען.

עס האָט זיך גאָט מיט זיין פריהמאָרגען און אוונט איבגאייכעם צו אונז אין האַרצען אריבערגעקליבען —

און דאריבער איז אונזער ווילען אזוי גרוים.

און דאריבער איז אונזער טרויער אזוי גרוים.

ציטער, ציטער, מיין ליכטיגער שטראַל.

דערנער

דערנער גיפטיגע, דערנער בלוטיגע, דערנער געשפּיזטע פון אונזער בלוט, געוואַשענע פון אונזערע אייגענע טרערען, — זיי זענען די קינדער פון אונזער ברייטען וועג.

אויפ'ן ברייטען וועג שפּילט זיך א קינד ביים גוסס אויפ'ן ברוסט — גוססט דער טאָג און טויט איז די נאַכט.

אויפ'ן ברייטען וועג איז אונזער לעבען צו־שניטען אויף רגע'ס און רגע צו רגע טוליעט זיך אזוי ציטריג, אָבער ניט קיין ליכטיגע קייט שליסען זיי צוזאַמען אין זייער באַהעפטונג.

דער ברייטער וועג איז אין א רינג אויס־

פארן מאָרגנשטערן

געבויגען, זיינע ברעגעס שליסען זיך אין דעם אייגענעם רינג. פון וואַנען דער וואַנדערער איז ארויס אהין קערט ער זיך אום צוריק; און וואוהין ער איז געקומען — פון דאָרטען וועט זיך זיין וועג צוריק אָנהויבען.

דער ברייטער וועג איז א קרייז א פאַר׳כשופ׳טער, וואו אָנהויב און סוף קומען זיך אזוי נאָהנט צוזאַמען ווי טרערען, וואָס וואַשען דאָס אויג און האָפנונג וואָס באַלייכטען אָט די טרערען. אויפ׳ן ברייטען וועג מישען זיך אונזערע פאַרלאַנגען מיט דעם שטויב, וואָס אויף אונזערע פיס און נעבען אונזערע טריט געפינען זיי זייער איביגע רוה.

ניט צו א ברייטען טייך איז אונזער ברייטער וועג געגליכען. באַטראַכט דעם טייך און זיין וועג:

גלייך איז די געגענד דורך וועלכער ער

דערנער

טראָגט זיינע וואַסערען, אָבער ניט גלייך איז דער וועג פונ׳ם טייך. זעה ווי דער טייך האָט דעם אטעם זיינעם איינגעהאַלטען אין רעכטען מיטען געלויף, עס ווערט איהם שווער דער גלייכער וועג, ער וויל פארלאָזען דעם גלייכען, ברייטען וועג. די וואסערען לעהנען זיך אָן אויף דעם ארעם, וואָס די מוטער־ערד האָט אויסגעשטרעקט און רוהען א רגע פון שטענדיגען געיעג. רוהיג איז דאָס וואַסער אויבען אויף דער גרעניץ פון דעם אַלטען און נייעם וועג. אָבער ווי טיף איז דאָס וואַסער אויף דער גרעניץ פון אַלטען און נייעם וועג! פון יענער טיפקייט קומט ארויס א געמורמעל פון אַ לעבען, וואָס בויערט אלץ טיפער, און טיפער, וואָס נייגט זיך אוועק אָן א זייט.

דאָרט האָט דער טייך זיין וועג באַנייט, זיין לעבען באַנייט און צוריק צום אייגענעם קרייז איז פרעמד צו זיין ווילען.

פופצען

פארן מאָרגענשטערען

אויך ניט דער גורל פון הונט איז דער גורל פון האָר אויפ׳ן ברייטען וועג. און כאָטש איין וועג איז פאַר ביידען אָנגעצייכענט, — אז פון דעם אייגענעם ברויט און פלייש זאָלען זיי שפּיי־זען זייערע לייבער; און כאָטש דעם גורל זיי־נעם האָט דער מענש דעם הונט איבערגעגעבען, און זיין גורל האָט דער הונט דעם מענשען אי־בערגעגעבען, און דאָך איז ניט דער גורל פון הונט דער גורל פון האָר אויפ׳ן ברייטען וועג. ווייל עס געפינט דער הונט אמאָל זיין רוה ביים זייט פון דעם מענשענס וועג, און עס געפינט קיין מאָל ניט קיין רוה דער מענש צווישען מענשען אין זיין לעבען אויפ׳ן ברייטען וועג.

אויך ניט דער גורל פון דער אומפּלייט, וואָס וואָרימט זיך און שפּייזט זיך אין דעם שימעל פון אונזער לייב; אויך ניט דער גורל פון דער מילב, וואָס ווערט געשפּייזט פון אונזער

שטויב און אונזער ברויט, איז אונזער גורל אויפ׳ן ברייטען וועג.

אויך ניט דער גורל פון דער בין, וואָס קומט איהר האָניג זויגען צווישען בלומען; אויך ניט דער גורל פון די שטערען וואָס פאַלען, פאַלען דורך אונזער לעבען איז אונזער גורל אויפ׳ן ברייטען וועג.

עס געהט מיט איך דער ברודער אייערער — פלייש און בלוט אוןביין און מאַרך — אייער ברודער ווי איהר אליין; עס איז זיין פנים שווער פאַרשטויבט; עס קען דאָס אויג קיין שטויב ניט ליידען און עס טרערט און וואַשט דעם שטויב.

און זיינע אויגען, וואָס אין פאַרשטויבטען פנים — פון דאָרטען ווינקט צו אונז אונזער גורל אויף דעם ברייטען וועג.

עס לויפט אונז נאָך דאָס איינגטטע קינד.

פארן מארגענשטערען

שוואַך די טריט, עס שטרויכעלט, פאַלט. טרערען, שטויב און קינדיש געוויין — עס ווייגט אונזער גורל אויפ׳ן ברייטען וועג.

עס האָבען פליגען צוויי זיך באַגעגענט אין לופטען און אין לופטען זיך באַהעפט און אָנגעהויבען צו פאַלען — עס קומט דער ווינט פון צווישען פעלזען און טראָגט א בלאַט אין זיין געווירבעל. —

עס איז אונזער גורל אויפ׳ן ברייטען וועג.

— ווער איז זי אָט די שלאַנקע, בויגיגע און דער קאָפּ צום ברוסט אראָפּגעזונקען, וואָס געהט ביים זייט פון אונזער וועג און צובלוטיגט זענען איהרע טריט?

— עס איז מוטער טרויער אויף דעם גרויסען לעבענס־וועג.

ווער איז ער, אָט דער ביינערדיגער, בויגיגער וואָס געהט איהר נאָך מיט א דערנער־קראַנץ

דערנער

ארום זיין קאָפּ און די בלוט־טראָפּענס, וואָס ראָטלען זיך פאַרגליווערטע אויף די דערנער־שפּיצען?

עס איז דער יאוש אין לעבען ליכטיגען, מיט א דערנערקראַנץ ארום זיין בלייכען שטע־רען — א זוהן פון דער מאַמע טרויער.

ווייל די וועלט מיט טרויער דעם וועג דעם שווערען און שטויביגען זיך באַצירען; ווייל די וועלט מיט יאוש ביטערען דעם וועג דעם שווע־רען זיך פארגרינגערען. אָבער דאָס, וואָס איז פון שטויב געקומען, וויל מיט שטויב זיך אויפס־ניי באַהעפטען, און וואָס עס פלאַקערט מיט הע־לען פייער קען קיין חושך ניט פאַרטראָגען.

ליבע, טרויער, שטויב און יאוש — צוויי־גען אויף דעם בוים געפלאַנצט ביים זייט פון אונזער לעבען, אויפ׳ן ברייטען וועג שוין אונטער איהם צו געפינען.

נײַנצען

פארן מאָרגענשטערען

און זאָל דער דונער פריי און מיט נקמה אויסוואָרצלען אָט דעם בוים מיט זיינע צווייגען!

זאָל די זון אונז ברענען מיט איהר העלישפייער, אויב קיין אַנדער שוץ איז פאר אונזניטאָ אויף אונזער ברייטען לעבענס־וועג!

הייליגקייטען

אימיצער הינטער מיר שעפטשעט שטיל:

— די ערד איז פארשוועכט. א גלגול פון דעם ערשטען רופט צו דיר, רופט צו זינד און בינדט דיך אזוי צו דער ערד.

ווער זענען די הייליגקייטען, אָט די אומבאַקאַנטע הערשער, וואָס האָבען אונז אין קייטען געשמידט און פאַר קנעכט געמאַכט?

ווער זענען אָט די אלע סודות נאָך פון קיינעם ניט קיין ענטפלעקטע, רעטענישען פון קיינעם ניט קיין געלייזטע, חלומות פון קיינעם ניט קיין באשיידענע? סודות, וואָס האָבען זיך אין אונזער אייגענעם מוח אויסגעטראָגען און

פארן מאָרגענשטערען

שפּעטער אין לופטען זיך אוועקגעטראָגען און רופען צו אונז פון דער פאַרנעבעלטער ווייט־קייט?

ווער זענען אָט די אַלע שטומע קוואַלען, וואָס רייסען זיך דורך אונזער נשמה און רופען אונז מיט זיך ניט ווייזענדיג וואוהין? ווער זענען אָט די געפליגעלטע וועלטען, וואָס טראָגען זיך פאַרביי אונז און ווינקען צו אונז און רופען אונז, ניט זאָגענדיג וואו וועט קומען די נאַכט און ברענגען רוה?

ביי אונז אין האַרצען זענען זיי געבוירען געוואָרען און פליגלען באקומען. ביי אונז אין האַרצען דעם באַפעל באַקומען אָנצופילען דאָס לעבען ארום אונז מיט דער ברייטער בענקעניש. אָבער צו גאָרנישט זענען געגליכען אָט די אלע פאַרפלויגענע וועלטען ביים זייט פון לעבען, וואָס איז פאַר אונז געבליבען און לויערט ארום

אונז. צו גאָרנישט זענען געגליכען אָט די היי־
ליקייטען, וואָס האָבען געפעלשט אין אונז, זיך
באַזעצט אויף יענער זייט פון תוהו־ובהו, אין
פאַרגלייך מיט די הייליגקייטען, וואָס ליגען אין
יעדען אויגענבליק פון אונזער לעבעדיגען לע־
בען. פון שענקייט אוׄן פּחד איז געפלאָכטען
דער לייטער פון יענע הייליגקייטען. א שווינדעל־
טרעפּ פון אונזער האַרצענס שענקייטען. טרע־
טען די פיס אויף לויטערקייטען און די בליקען
רייסען זיך צום מהות אין נעבלען באַהאַלטען.
טרעט די פוס אין לויטערקייט און דאָס אויג
איז פאַרטרערט. —

* * *

זאָגט צו מיר די מוטער ערד:
— פון מיין שטויב ווערסטו געשפּייזט.
אויף מיין האַרצען רוהט דיין קאָפּ און פון

פאַרן מאָרגענשטערען

מיין בלוט ווערט דיין בלוט געגערט — וואָס
זוכסטו הייליגקייטען אין די ווייטע הימלען?
זאָגט צו מיר דער זונענשטראַל:
— איך קום באַגינען צו דיין פענסטער.
איך קום פאַרנאַכט און בלייב אין דיין האַרץ
און ציגד דיין אויג ווען דער טאָג קומט ווידער
און וואָס זוכסטו הייליגקייטען אין וועלטען
אזוי וויט פון דיר און פרעמד?
זאָגט צו מיר דער טראָפּען טוי:
— אָט רוה איך אויפ׳ן שפּיץ פון גראָז —
אזוי וואָרט איך שטיל אויפ׳ן מאָרגענשטערען און
אלע טראָפּענס אויף גראָז און בלאָט וועלען ווע־
רען באַלויכטען פון זייער אייגענעם פריהמאָר־
גען — רייסט דיך דיין האַרץ צו הייליגקייטען
ווייטע, וואָס פאַרשפּאַרען דעם וועג צום לעבען.
זאָגט צו מיר דער קאָרענזאַנג:
— דיינע הענט האָבען געאַקערט די ערד;

פּיראָונצוואַנציג

הייליגקייטען

דיינע הענט האָבען געוואָרימט די ערד; דו האָסט פאר מיין קערענדעל א בעט אויסגעבעט, און האָט מיך דיין ווילען פון דער ערד ארויסגערופען, האָט דיין ווילען מיך געבענשט און דיין האָפנונג האָט מיך פון דער ערד ארויסגערופען. בין איך געקוואָלען אין דער טיפעניש און זיך געריסען צו דיין ווילען. איז די זון ארויסגעקומען צוליב דיין ווילען, מיך גערופען, האָב איך זיך געצויגען העכער. איז דער רעגען געקומען צוליב דיין ווילען בין איך געוואַקסען פעסטער, זאַטער — פארוואָס דערקענסטו מיך ניט מעהר, מיך, דאָס קינד פון דיין ווילען?

הייליג, הייליג איז דיין ווילען. הייליג, הייליג איז דיין חשק.

זאָגט צו מיר דער עפעל־בוים:

— צוואַנציג ווינטערס קען איך דיך. צוואַנציג זומערס זעה איך דיך. עס האָט דיין פאָטער

פארן מאָרגנשטערן

מיך געפלאַנצט און באפוילען, איך זאָל וואַקסען. וואַקס איך, בליה איך. און עס קוועלען מיינע עפּעל פון דעם פרילינג און א גאַנצען זומער לאַנג און ליכטיג. און עס שמעקען מיינע עפּעל פון פריהמאָרגען ביז אין אווענט; און עס בויגען זיך די צווייגען מיינע טיפער, אָנגעלאָדען מיט דעם ווילען פון דיין פאָטער. רירסטו אָן מיין צווייג מיט דיינע פינגער אזוי בלייך און אזוי ציטעריג, און דיינע אויגען אזוי צושראָקען; דיינע אויגען אזוי פארטרויערט. — איך פיהל דעם ווילען אין דיין האַנט, אין דיינע פינגער! ס'איז דער ווילען פון דיין פאָטער. — ער האָטביידען אונז געפלאַנצט. אָט פיהל איך איהם, ווען דו בויגסט מיין צווייג; אָט שפּיר איך איהם, ווען דו בייסט מיינע עפּעל. אָט הער איך איהם, ווען עס קלאַפּט דיין האַרץ — וואָס־זשע זוכסטו הייליגקייטען ערגעץ ווייט אין ווייטען

הייליגקייטען

נעבעל, ערגעץ ווייט אין שטויב־געווירבעל?

זאָגט צו מיר דער פייער־פלאַם:

— האָסט פון וואַלד דאָס האָלץ געבראַכט, נאַס און קאַלט און מיט טוי־גערוך. האָט דיין ווילען מיך געוואַרימט און געטריקענט, און דיין ווילען האָט מיין פייער אָנגעצונדען און איך פלאַקער העל און ליכטיג; און איך פלאַקער ווי דיין ווילען, — וואָס־זשע זוכסטו הייליגקייטען אין דעם רויך, וואָס קנוילט זיך אויבען און אַנטלויפט פון מיינע פלאַמען; לעשסטו אויס מיין פייער מיט דיינע טרערען, קינדער שוואַכע פון דיין יאוש?

זאָגט צו מיר דער שטורם־ווינט:

— ווען איך טראָג דעם שטויב אין לופטען און רייס די בליטען פון די בוימער; ווען איך קער אויס בוימער, וועלדער און פון־דיר־געבויטע הייזער; ווען איך טראָג זייער שטויב און

פאַרן מאָרגנשטערען

שפּענער — איז דאָך דעמאָלט אײנאונאײנציג נאָר דער װילען דײנער, װאָס שטערט מיר דעם װעג. — קוקסטו צו די בלײבע װאָלקענס װאָס װערען צושניטען אָן דעם פעלזען־קאָפּ, װערען צוריסען אָן פעלזען־שטאָלץ!

הער איך ציטערען דעם פעלז:

— אָ, דער מענש. אָ, זײן װילען. איך בױג מײן קאָפּ פאר זײן װילען. איך ברעך מײן שטאָלץ פאַר זײן װילען. ציהט, איהר װאָלקענס! קומט, איהר כמאַרעס! װיקעלט אײן מײן גרויס, מײן שטאָלץ, איך קאָן ניט בײשטעהן דעם מענשענ׳ס װילען. קומט איהר נעבלען, קומט איהר כמאַרעס! שפּריט זיך טיפער, טיפער. זאָל זײן בליק און גרויסער װילען אין די נעבלען טיף פארבלאָנדזשען. הײליגקײטען זוכענדיג, נאָך הײליגקײטען בענקענדיג.

אכטאונצװאַנציג

טרערן

ביים זייט וועג איז ער דער קוואַל. פון דער טיפעניש שלאָגט דאָס וואַסער. און ווער ווייסט דעם וועג, וואָס די וואַסערן האָבן דורכגעשניטן אונטער דער ערד ביז זיי האָבן זיך צו דער ליכטיגער וועלט דערשלאָגן?

אזוי זענען די טרערן אונזערע וואָס פאַלן אין לעבן.

אָט זעהט:

א מוטער, איבערגעבויגען איבער׳ן וויג פון איהר קינד. מיט איהר גאַנצען לעבן אריבערגעבויגען צו איהר קינד. און איהר עופה׳לע זויגט איהר ברוסט. פון אלע ווינקעלעך אין

נײַנאונצוואַנציג

פאַרן מאָרגנשטערן

איהר ליב קומען אָן שטראָמען חיונה און פרייד; שטראָמען אינאיינעם מיט דער מילך צו איהר קינד'ס גומען, און דאָך פאַלען טרערען פון דער מוטער'ס אויגען אין דער שטיל:

אין האַרצען האָט זיך א וועלט אָנגעהויבען צו רירען און וואַקסען. איהר האַרץ איז פול געוואָרען מיט נייע, אומבאַקאַנטע פריידען; מיט א, נייעם, אומבאַקאַנטען פחד; מיט פרעמדע, פרעמדע סודות. דאָס האַרץ שרעקט זיך פאַר'ן גורל פון איהר קינד. טרערען קייקלען זיך איבער דער מוטערס באַקען אין דער שטיל.

האָבען אויך טרערען פאַרגאָסען ריזען ביי זייער אונטערגאַנג. האָבען אויך טרערען פאַרגאָסען געטער ביי זייער אונטערגאנג. און טרערען פארגיסט אויך דער, וואָס האָט זיך אליין פאַר א קרבן געבראַכט צו זיינע תאוות. פאַרוואָס זענען די טרערען ניט ווי יענער קוואַל

טרערן

ביים זייט וועג, וואָס שטראָמט און צורייסט דעם שטויביגען וועג אויף צוויי? פארוואָס זעגען זיי ניט ווי יענער פריהלינגס־רעגען, וואָס מאַכט די ערד אויסזעהן אזוי יונג און גרין?

מיין מוטער האָט טרערען פארגאָסען פאר פרייד.

מיין פאָטער האָט טרערען פארגאָסען פאר צער.

און ווען ביידע האָבען געוויינט, האָט די גאַנצע וועלט מיטגעוויינט ארום; האָט דאָס גאַנ־צע לעבען מיטגעוויינט אין דער שטיל.

און דער סוד פון די טרערען איז נאָך אלץ געבליבען א סוד. און טרערען פרישע ווערען פאַרגאָסען.

קען ווער צורייסען די וואָלקען איבער זיין קאָפ — זאָל ער. קען ווער פאר זיך אָפּדעקען די ליכטיגע הימלען — זאָל ער געהן די זון באַ־

פאַרן מאָרגענשטערען

גענגענען! וואָס קען איהם שטעהן אין וועג? טרערען מיט טרערען ווען זיי באַגעגענען זיך, וואָס קענען זיי באַפרוכפּערען? וואָס איז זייער שפּור אין לעבען? דער קוואַל, ווען ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגען פון זיינע גרעניצען און געלאָזט זיך צום וועג אַרויס, וועט זיין שטראָם דעם וועג איבערשניידען; אָבער דער טרערען־קוואַל, וואָס קומט פון דער טיפעניש און שטראָמט איבער די באַקען — האָט ווער זיין לוין פאַר דעם באַקומען?

לאָמיר זיך שטעלען אין לעבען פאַר אונזער אייגענעם טרערען־קוואַל און אונזער פּנים אָנקוקען; אונזערע אייגענע, פאַרטרערטע אויגען אין אונזער טרערען־שפּיגעל דערזעהן, און זעהן, אַז ניט אין טרערען ליגט אונזער דערלייזונג, ניט אין דעם טרויער־קוואַל — אונזער ליכט.

און אויב אין דער ליכטיגקייט פון האַלבען

טרערן

טאָג זעהען מיר ניט דעם לעבענס־קוואַל ביי אונזערע פיס, וואָס קענען מיר באגעגענען אין די שאָטענס פון דער נאַכט? פרעמדקייט שטעהט ביים שוועל פון אונזער לעבען און שטרעקט אוים צו אונז א האַנט. פון וואָלקענס קומט זי די האַנט ארוים און צו די וואָלקענס ווייזט זי אונז דעם וועג, און מיר לאָזען זיך מיט שרעק צו יענעם וועג.

וועט אונז טרויער און טרערן העלפען אין דעם אומבאַקאַנטען וועג?

דער וואָס וויינט אויפ׳ן הויכען קול דערשרעקט זיך שפּעטער פאר זיין אייגענער שטילקייט. קינדער וויינען אויפ׳ן הויכען קול. מאַמעס באקלאָגען זייערע קינדער אויפ׳ן הויכען קול, אָבער ניט יענער געוויין מאַכט חרוב אונזער לעבען.

דער שטילער איינגעהאַלטענער טרויער, די

פארן מאָרגענשטערע:

שטילע־שטילע טרערען מאַכען חרוב אונזער וועלט.

ווייל די ממשלה פון האַרצען איז אין דער שטיל. אלע וועלטען האָט דאָס האַרץ איינגענו־מען אין דער שטיל. און ווען די האַרצענס־וועלטען ווערען חרוב קומען שטילע טרערען און זאָגען עדות אויפ'ן חורבן.

און אזוי ניט אייביג איז געוועזן די פרייד, און אזוי קליין איז געוועזן אונזער פרייד ווען דאָס האַרץ האָט די אלע וועלטען באַשאַפען!

פרעג איך דעם ערשטען:

— וואָס שווייגסטו אזוי שטיל?

— די וועלט איז אזוי שען און כ'האָב ניט קיין ווערטער אין מיין מויל די שענקייט אויסצודערצעהלען.

פרעג איך דעם אַנדערען:

— וואָס שווייגסטו אזוי שטיל?

פיראונדרייסיג

טרערן

— איך טראַכט פון מיין ליבע און האָב מורא אין דער הויך פון מיין ליבע צו רעדן. שווייג איך אזוי שטיל. חלום איך אזוי שטיל.

פרעג איך דעם דריטען:

— וואָס שווייגסטו אזוי שטיל?

— איך טראַכט פון מיינע יאָהרען, וואָס זענען פארפלויגען; דער וועהטאָג איז גרויס און דאָס האַרץ איז פארקלעמט, כ'האָב פאר מיין צער קיין ווערטער ניט, וואַרט איך אויך די טרע־רען וואָס וועלען פארגרינגערען מיין צער.

קוק איך אויף א קינד אין וויג:

די אויגען וואַך, ליכטיג און ברייט. פאר־מאָגט ניט קיין רייד. פארמאָגט שוין א הארץ. עס ציהט די הענטלעך צו מיר, צום מענשען פון לעבען, וואָס האָט טרויער און שווייגען פאר א קעניג געקרוינט.

— קינד, אָ קינד, וואָס ווילסטו פון מיר?

פינפאונדרייסיג

פארן מארגענשטערען

עס שמייכעלט; די אויגען נאך ליכטיגער.

— וואס באטייט דיין פרייד און דיינע אוי־גען אזוי ליכטיג?

עס לאכט און די אויגען זיי פינקלען.

— צי ווייסטו ניט, אז דיין מאמע האט מיט ביטערניש געמישט דיין מילך און דיין טאטע האט דעם טרויער פאר א וועכטער געמאכט ביי דיין צוקאפּענס?

דאס קינד פארגעהט זיך פון געלעכטער; פון די אויגען פליהען פונקען און עס פערלען זיך טרערען...

איך קוק אויפ'ן קינד. עס פארמאגט ניט קיין רייד. עס פארמאגט א הארץ, וואס בויט עווין וועלטען אויף וועלטען. עס פינקלען די אויגען. עס פערלען זיך טרערען.

און ווער וועט די זון אין אונזער טרויער אריינוואַרפען און די טרערען באלייכטען? ווער

טרערן

ווען דאָס קינדישע ליכטיגע געלעכטער צו
אונז אומקערען, אויב דורך אויגען פארטרערטע
איז אונז באַשערט אין לעבען אריינצוקוקען ?

זיבענאונדרייסיג

וואונדען

די אייביגקייט ווינקט צו אונז פון אומע־טום אין יעדער רגע פון אונזער לעבען; מיר האָבען זי באַשאַפען, באגרייפען מיר אליין ניט אונזער קינד, באגרייפען מיר אליין ניט דעם שנור, וואָס פארבינדט אונזער צוריסען לעבען. ווערט די אייביגקייט, אונזער אייביגקייט, פון אונז אליין צוהאַקט, און איהרע וואונדען — אונזערע וואונדען.

איך האָב אַמאָל אין די הייסע געגענדען געזעהען: אויפ׳ן מיטען וועג איז געלעגען א שלאַנג אויף צווייען צוהאַקט, און יעדער טייל האָט זיך אליין פאר־זיך געוואָרפען, און עס האָט

וואונדען

אויסגעזעהן ווי שטיק מיט שטיק וויל זיך ווידער באַגעגענען, צוריק גאַנץ ווערען. אָבער קיין וואונדער איז ניט געשעהן. וואָס מעהר זיי האָבען זיך געשליידערט, אלץ מעהר האָט זיך שטיק פון שטיק דערווייטערט, און אזוי ביז צום לעצטען ציטער...

ווידער האָב איך אמאָל געזעהן: א קינד האָט אויף דער ערד געפויזעט, אויף אלע פיר זיך געשאַרט, און מיט אַמאָל האָט זיך עס אַנידערגעזעצט, ברייט אויפגעעפענט די אויגען, באַטראַכט דעם רוים איבער זיך, און מיט א טיפען ערנסט זיך אָנגעהויבען אויפצושטעלען, און ווען די יונגע פיסלעך האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערצוברעכען און דאָס קינד האָט באַדאַרפט זיך צוריק אראָפלאָזען אויף אלע פיר, האָט עס אָנגעהויבען צו וויינען, ווי איינער, וואָס קלאָגט אויף א גרוים אומגליק.

פאַרן מאָרגענשטערען

עס איז קינדיש און טרויעריג. און אונזער לעבען באַגלייט פון אונזער אייגענעם שאָטען איז אויך אַזוי קינדיש. איז אויך אַזוי טרויעריג. די שווערע ראָד, וואָס מיר האָבען באַשאַפען, צוהאַקט אונזער חלום און אונזער ווירקליכקייט. יעדערער אין זיין ווינקעל שליידערט זיך באַזונדער מיט אָפענע וואונדען.

און אַזוי טרויעריג און אַזוי קינדיש איז אונזער לעבען ווען מיר פּויזען אויף אַלע פיר. וואָלטען מיר אַזוי אומשולדיג און אַזוי גרויס געפיהלט ווי דאָס קליינע קינד, אפשר וואָלט זיך ביי אונז אויך אַרויסגעריסען אין יענער רגע אַ גרויס געוויין.

* * *

אַ שלאַנג אויף צווייען צוהאַקט, און די שטיקער, בלינדערהייט, שליידערען זיך, און שטיק צו שטיק קען זיך נים דערנעהענטערען!

פּערציג

וואונדען

אָט איז זי די צוריסענע קייט. איהרע לעבעדיגע רינגלעך צאַפּלען זיך באזונדער אויף דעם מאַרק פון אונזער לעבען; צושאָטענע אי־בער דעם ברייטען וועג פון אונזער לעבען.

אָבער די איוביגקייט א פארוואונדעטע קוקט ארויס פון דער שעה. וואָס איז ביי אונז ניט טאָג און ניט נאַכט, פאראייניגט זיי ווידער און שליסט רינג מיט רינג.

זאָלען מיר באגרייפען דעם וואונדער, וואָס געשעהט אין דער רגע פון אונזער אומבאַהאָל־פענקייט! פארוואָס איז אונז פרעמד דער וואונ־דער, וואָס איז פון אונזער אייגענעם לעבען ארויסגעקומען אין דער רגע פון אונזער אום־באַהאָלפענקייט?

איינציגע טראָפּענס באַשאַפען דעם גרויסען וואַסער־שטראָם, וואָס פארטראָגט בערג מיט זיך אין געלויף.

פאַרן מאָרגענשטערן!

איינציגע זיפצען באַשאַפען דעם גרויסען טרויער־כאָר אין אונזער לעבען.

איינציגע פונקען אין דער שוואַרצאַפּלען פון אונזער אויג באַשאַפען אונזער טאָג.

איינציגע פונקען אין די שוואַרצאַפּלען פון אונזער אויג באַשאַפען די ליכטיגע וועלטען ארום אונז.

און דורך די שוואַרצאַפּלען פון אונזער אויג ציהט זיך די אייביגקייט פון דור צו דור, פון פאָטער צו קינד — און דאָך קוקען מיר אויפ׳ן וואַסער־שטראָם, באַטראַכטען זיין גרויסקייט און עהרליכקייט און צעהלען ניט זיינע טראָפּענס, טראַכטען ניט פון די איינציגע טראָפּענס.

א שלאַנג אויף צווייען צוהאַקט, און שטיק צו שטיק קען זיך ניט דערנעהענטערען, צאַפּלענדיג זיך אויפ׳ן זאַמדיגען וועג.

און דאָך זענען אונזערע איינציגע טריט גע־

שלאָסען אינאיינעם. ווער האָט זיי פארבונדען, אונזערע איינציגע איינזאמע טריט, און פון זיי באַשאַפען דעם לעבענס־וועג אונזערען?

— די אייביגקייט, — די פארוואונדעטע אייביגקייט!

פינף פינגער באַרירען די סטרונעס פון דער האַרפע; פינף באַזונדערע פינגער אויף פינף באַזונדערע סטרונעס — און א י י ן מעלאָדיע קוועלט פון צווישען סטרונעס און פינגער ארויס; פינף באַזונדערע פינגער — און איין קלאַנגגען־האַרמאָניע. און דאָך וואַלגערט זיך פאר אונזערע אויגען אונזער לעבען — צוריסען אויף טעג פון אונזער לעבען און צווישען טאָג און טאָג — א וואונד, וואָס בלוטיגט; א וואונד, וואָס אייטערט...

אין איין עק וועלט שטעהט אונזער קינדהייט, אין דעם אַנדערען עק וועלט — אונזער

פארן מאָרגענשטערען

עלטער. זיי ציהען זיך הענט איינס צום אַנדערען, און יעדע נייע רגע, וואָס שלאָגט אין אונזער האַרצען, דערווייטערט בלויז עק וועלט פון עק וועלט; דערווייטערט בלויז אונזערע אייגענע טריט, באַשאַפענדיג א ב ר ע ג צו אונזער ב ר ע ג ל אָ ז ע ן לעבען...

אויף אונזער לעבענס־וועג ליגען טעג און נעכט, איינזאמע, פארלאָרענע, איינס פון אַנדערען דערווייטערט, און די אייביגקייט, אונזער אייביגקייט, איז אויף שטיקער צושניטען. וואונדען, — אונזערע וואונדען.

פיראונפערציג

קייטען

לעבען און *תכלית*; פייער און וואַסער — צווישען זיי ביידען האָט דער וועלט־שמיד זיין קוזשנע אוועקגעשטעלט און שמידט קייטען פאר אונזער נשמה. איין וועלט פון בלוי־זען אמת. די אנדערע — פון באַגרעניצטען שקר און צווישען זיי ביידען איז די תפיסה פאר דער נשמה.

— *איינהאַלט*, *פאָרם*; דער תוך, דער עיקר; דער תכלית...

ווער טרייבט דיך ווי דעם קנעכט זיך צו יאַ־גען נאָך נישטיגע אמת׳ן?

אָט די אלע וואָס בויען גרויסע הייזער און

פארן מאָרגנשטערן

אַרום די הייזער הויכע צאַמען, פאר זיי זענען די רוימען באגרעניצט. פאר זיי האָט דאָס לעבען אן אָנהויב און א סוף.

דאַרף איך א טויער פאר דעם טאָג ווען ער קומט אָן? דאַרף איך טיר און טויער פאר דער נאַכט, ווען זי דערנעהנטערט זיך? דארף איך טיר און טויער פאר אלע ווינקלען פון דער ערד — מזרח, מערב, צפון, דרום? דארף איך טיר און טויער האָבען צו מיין אייגענעם איך?

אָט איז זי די וואָג פון אונזער לעבען:

— אויף איין שאָל ליגט אונזער א י ך, אויף דער אַנדערער — אן אויסגעטראַכטער תכלית; אויף איין שאָל מיינע ליכטיגע חלומות און אויף דער אַנדערער לעגט דער וועלט־נאַר זיינע פארשטויבטע פּיס.

ווענד איך אום מיינע אויגען צו מיין איי־

קייטען

גענער נשמה, זעה איך ווי קיין אייביגע וועלט,
וואָס דאָס לעבען האָט מיר געבויט, איז ניט
אומגעקומען. אלע ליכטיגע. אלע לויטערע. און
זיי ווינקען צו מיר מיט אזוי פיל חסד. ווענד
איך דערנאָך מיינע אויגען צום ווינקעל וואו
דער נאַר פון אונזער לעבען האָט זיך פארטייעט
און צעהלט מיינע טריט און חשבונ'ט זיי מיט
די טריט פון די, וואָס זוכען דעם תכלית פון
זייער ז י י ן — פרעג איך:

— פארוואָס איז ניט מיין גורל מיט די
שטעכעדיגע געוויקסען וואָס האָבען אין הייסען
מדבר זייער היים און וואָס דער מענש ווייכט
זייער נאָהענטקייט?

לעבען און תכלית.

קייטען אויף די פליגעל פון פרייען ווינט.
האָט דען ווער זיך פארמאָסטען צו צעהלען
די גרויסע אויגענבליקען פון אונזער לעבען?

פאַרן מאָרגנשטערן

האָט זיי ווער געצעהלט און אין אַ סדר גע־בראַכט? דאָס לעבען ווערט באַניט אין דער רגע וואָס אלע גרעניצען ווערען אָפּגעווישט; דור פון דור קומט ארויס אין דער רגע, וואָס הימעל און ערד קומען זיך צונויף.

אָט איז ער דער בוים הינטער מיין פענס־טער, וואָס האָט אַ הוילער, אין חלום דורכ'ן ווינטער זיך איינגעהערט צום גאַנג פון ווינט צווישען זיינע צווייגען, און איצטער, ווי די זון האָט נאָר אָנגעהויבען צו שיינען ארום איהם העלער און ווארימער — ווי וואַך ער איז גע־וואָרען! ניטאָ קיין סוף צום שטראָם תיונה וואָס וועקט זיך אין איהם; ניטאָ קיין סוף צום שטראָם לעבען וואָס ברויזט ארום איהם —

— איז דאָס דער תכלית מיינער, אַז איך זאָל מיט אַ האַק זיינע צווייגען האַקען? אָדער אפשר איז דער גורל מיינער, איך זאָל זיך ביים

קײַטען

זײַט געבען איהם שטעלען און זאָלען די בלויע
הימלען אויף אונז בײַדען זיך שפּרײַטען? —

* * *

װען עס קלאַפּט מײַן האַרץ צום אומבאַקאַנ־
טען װינט, װאָס קומט צו מיר פון פרעמדע װעל־
טען, װער װעט יעמאָלט מיט דאַרשטיגע בליקען
זיך דערנעהענטערען, פּאַרטײַען אהינטער מײַנע
פּלײצעס און צעהלען די קלעפּ פון מײַן האַר־
צען; אָפּשטעלען דעם האַסט און געיעג פון׳ם
בלוט אין מײַנע אָדערען?

עס פלעכטען זיך צװײַגען מיט צװײַגען אין
געדיכטען װאַלד און דאָך װיל יעדער צװײַג באַ־
זונדער זיך ארויסרײַסען פון ענגען קרײַז, ארויס
און זיך באָדען אין ליכטיגען טאָג.

אזוי איז דער װײַן דער יונגער װען ער

נײַנאונפערציג

פאַרן מאָרגענשטערען

אירט — ענג ווערט איהם די פּאַס און איבער די ראַנדען הויבט ער אָן ארויסצושוימען.

טאָ ווי זאָל איך מיין בלוט פאַרצאַמען, באַפעהלען: אין פינסטערען קרייז זאָל זיין דיין וועג, אין דער פינסטער זאָלסטו שטראָמען און שוימען?

גלייכער אליין זיך לאָזען וואנדערען נאָך מיין האַרצענסבלוט.

גלייכער אליין זיך לאָזען פיהרען פון אייגענעם האַרצענסקלאנג.

האָט דען ווער די וואָג באַשאַפען, האָט דען ווער א מאָס באַשאַפען, מיט וואָג און מאָס זיך שטעלען אהינטער מיינע פּלייצעס? אויב אזוי שוין גלייכער דאָס האַרץ ארויסצורייסען און מיט אלע וועלטען אינאיינעם ווייט פון זיך פאַרשלידערען. עס זענען אָבער בעטלער אָט די די אלע, וואָס דרעהען זיך ארום אויף אלע לע־

קייטען

בענס־וועגען מיט וואָג און מאָס אין האַנט; דאָס זענען בעטלער, פונ׳ם גרויסען לעבען פארשאָל־טענע — פארשאָלטען, אז אייביג זאָלען זיי זעהן דעם אָנהויב און דעם סוף פון זייער זיין; אז אייביג זאָל אויף זייערע ליפּען רוהען:

— פון דאָרטען בין איך געקומען און אהין איז מיין וועג; אָט דאָ איז דער אָנהויב פון מיין בעטלער־וועג און דאָרט איז דער סוף פון מיין בעטלער־זיין.

ווען ארום מיין הויז איז קיין צאַם ניטאָ— דאַרף איך טיר און טויער האָבען? ווען אין מיין הויז איז קיין טיר ניטאָ — דארף איך א הויבע שוועל ביים ארייגאנג האָבען?

ווען מיין קינד — עס רופט מיך פ אָ ט ע ר,— האָט עס מיך פאר א גאָט געקרוינט! און ווען מיין קינד איך רוף עס ק י נ ד — גאָט און וועלט — האַנט ביי האַנט!

פארן מאָרגנשטערן

און דאָך... קוקט ארויס צום ברייטען וועג:

פאָטער, קינד — גאָט און וועלט — שטרעקען בײדע אויס די הענט צום בײזען שמיד ער זאָל אין קייטען שווערע די הענט זיי שמידען; זעצען זיך בײדע אויפ׳ן זאמדיגען וועג, ער זאָל אין קייטען שווערע די פיס זיי שמידען. און איין דור קלינגט צום אַנדערען דור מיט זיינע קויטען; און איין דור גיט דעם אַנדערען זיין עלענד איבער.

קלייבען זיך אריין ווערים און פרעסען דעם צאַם, וואָס דער ערשטער דור האָט געצאַמט ארום לעבען, קומט א דור א צווייטער און היט די נישטיגע ירושה פון נאַרישע באַשאַפער.

וואָס ווייטער איך ווענד מיינע אויגען פון זיך, סיי צו מזרח, סיי צו מערב — אלץ נעהנטער קומען זיך צונויף הימעל מיט ערד; אלץ נעהנטער צווישען זיך ווערט הימעל מיט ערד. און

קייטען

וואָס טיפער איך קוק צו זיך אין דער נשמה אריין, אַלץ נעהנטער באַגעגענען זיך זונאויפגאַנג און זונאונטערגאַנג. זענען אָבער זיבען שטויביגע וועגען פאַר'ן בעטלער־מענש אין די זיבען טעג פון זיין וואָך, קלינגט ער מיט זיינע קייטען פון וועג צו וועג. דעם תכלית פון זיין לעבען זוכענדיג.

דאָס איז דער גורל פון די, וואָס בלאָנזשען מיט וואָג און מאָס אין האַנט. זייערע טרערען וועט זייער שטויביגער וועג איינשלינגען און וועט אַלץ שטויביג בלייבען.

בעטלער

ווִיפיל מאָל אין טאָג פרעגט דאָס האַרץ:

— וועט קומען אן אויסלייזונג פון דער אייגענער תפיסה?

ווִיפיל מאָל אין טאָג פרעגט דאָס האַרץ:

— וועט אימיצער פאַנאַנדעררוקען די ווענט, געמויערטע ארום מיין לעבען?

צווישען גרעניצען פארגעהט אונזער לעבען. צווישען גרעניצען איז געמויערט אונזער תפיסה. צווישען גרעניצען ליגען אונזערע פאַרלאַנגען האַלב לעבעדיג און האַלב טויט. בעטלער זענען מיר — בעטלען אליין ביי זיך.

פרעגט די שפין, וואָס שפינט איהרע פעדים

בעטלער

און וועבט איהרע נעצען אין א ווינקעלע פון אונזער שטוב. פרעגט איהר:

— וואָס איז דיין פאַרלאַנג: שענע גע־וועבען צו מאַכען, אָדער פאַנגען שוואַכע פליגען?

וואָלט די שפין אזוי געענטפערט:

— איך וועב מיינע נעצען פאר שענקייט און שפּיל, און פליגען שוואַכע פאַלען אין זיי אריין, ווערען געפאַנגען.

און מיר זעהען די וואָס פלעכטען די נעצען פאר שענקייט און שפּיל; און מיר זעהען די וואָס פאַלען ווי פליגען געפאנגען; ווי פליגען פארלאָרען.

קייכט אימיצער פון געלעכטער אהינטער דער וואַנט פון אונזער געפענגעניש. לאַכט און זאָגט גאָרנים. ווייל עס האָט דער מענש זיין גורל פארבונדען מיט דעם גורל פון זיין ברודער — מענש ווי ער אליין — און דאריבער איז

דער עלענד אזוי גרויס. עס האָט דער מענש זיין גורל פאר׳חתמ׳ט אין דעם פויסט פון זיין ברודער מענש און דאריבער איז ער א ב ע ט־ל ע ר אויף גאָטס ערד, א בעטלער אונטער בלויע הימלען.

הער איך איינעם ווי ער זיפצט:

— איז מיין גורל אין די הענט פון דעם, וואָס אין מיין געשטאַלט, טאָ וואָס איז מיין האָפען און וואָס איז מיין גרויסקייט? איז דאָך שוין בעסער דעם וואָרים וואָס גראָבט זיך ערגעץ אין דער פינסטער אונטער מיינע טריט; איז דאָך שוין בעסער דעם רעגענטראָפּען וואָס פאַלט און מאַכט מיט זיין פאַלען גרינען די ערד.

פאַלט נעבען מיינע פיס א שטראַל און ער שמייכעלט:

— אָבער דיין אייגענער גורל, — זוך איהם, מיין ברודער, צווישען דיינע גרויסע וועלטען

בעטלער

און נים אין פויסט פון דיין שוואַכען ברודער. איז דיין שטיבעל ענג און שמאָל — אָבער א פענסטער איז אין דעם פאַראַן און דו וואַרטסט ביי דיין פענסטער קוקענדיג דער טאָג ער זאָל שוין קומען.

דיינער איז דער טאָג וואָס קומט!

* * *

איך פרעג אמאָל א קינד:

— וואָס ווילסטו, טייער קינד?

— כ'וויל די מאַמע זאָל די זון פון הי־מעל ארויסרייסען; כ'וויל זיך שפּילען מיט דער זון.

און די מוטער, וואָס האָט איהר קינד אונ־טער איהר האַרצען אויסגעטראָגען און זיך צו־געהערט, מיט אנ'איינגעהאַלטענעם אָטעם, ווי איהר קינד שטופט מיט דער זון אונטער איהר

פאַרן מאָרגענשטערען

האַרצען — אָט די מוטער ווייסט ניט, אז די זון איז ניט אין די הימלען ווייטע, נאָר ביי איהר אין האַרצען איז זי געוואַקסען און באַלויכטען איהר קינד, וואָס האָט זיך געשפּילט און געצאַפּעלט אונטער איהר האַרצען.

איך פרעג א קינד:

— וואָס ווילסטו, טייער קינד?

— כ'וויל דער פאָטער זאָל דעם הימעל אויף דער ערד אויסשפּרייטען, וועל איך זיך מיט די שטערענדלאך שפּילען.

און דער פאָטער, וואָס האָט דאָס קינד אינאיינעם מיט די הימלען, שטערען און אלע ליכטיגע רגע'ס פון דער וועלט אין זיין בלוט געטראָגען — ער שטעהט ארים פאר זיין קינד און זיין גליק, איז ווייט פון איהם.

עס האָט דאָס לעבען אין א ווינקעל זיך צונויפגעקנוילט און ווארט זאָלסט עס באַפּעלען ווי

עס באַפּעלט דער האַר זיין הונט. אָבער האַר און הונט—בײדע האָבען זײער פארלאנג איבערגעלאָזען פאר׳ן ווינט ער זאָל איהם צום בײזען ווילען מאַכען אונטערטעניג. און אימיצער לאַכט אזוי מיט שפּאָט אהינטער אונזער געפּענגעניש. דאָס געלעכטער מאַכט אונז שפּל ווי די גראָז; מאַכט אונז שפל ווי דעם הונט, ווען ער קוקט מיט חניפה זיין האַר אין די אויגען אריין. דאָס געלעכטער קומט פון אזוי נאָהנט — דאַכט זיך פון אונזער אייגענעם איך לאַכט עס ארויס אזוי אונ׳רחמנות׳דיג.

א כשוף האָבען מיר זיך אליין אָפּגעטאָן, אז מיר זאָלען זיך שטענדיג שפּירען אין טיפען טאָל כאָטש אויפ׳ן הויכען באַרג שטעהן אונזערע פיס. א כשוף האָבען מיר זיך אליין אָפּגעטאָן צו שלעפּען שטײנער און מיט זײ באַצייכענען דעם וועג, וואָס פיהרט צו אונזער

פארן מאָרגענשטערען

אייגענער תפיסה. א כשוף האָבען מיר זיך אליין אָפגעטאָן צו זיין דער האַר איבער אייגעפאלענע וועלטען און זיין דער קנעכט ביים אייגענעם בעטלער־האַר...

די שפין זי שפינט און וועבט איהרע נעצען פון שענקייט וועגען און שפיל — פאַלען פליגען אין די נעצען אריין.

אזוי איז דער גורל פון דעם, וואָס קוקט אויפ׳ן פאַרמאַכטען פויסט פון זיין בעטלער־ברודער, זיינע וועלטען דאַרטען זוכענדיג.

האַלבע פאַרלאַנגען

נאָך ניט אויסגעטרונקען איז דער בעכער און פאַרברענט איז דאָס האַרץ. עס האָט נאָך די זון ניט דערגרייכט איהר הויך אין הימעל און פאַרברענט ליגען שוין די פעלדער ארום. לאַנג האָט שוין אויסגעברענט דאָס פייער און אונזער הויז איז פול מיט רויך.

עס איז דער מאַן, וואָס האָט געצייכענט און געטראָטען דעם וועג אזוי שעהן און אזוי שווער פאַר זיך און דער פרוי.

עס איז דער מאַן, וואָס האָט געטראָטען דעם שטילען וועג, וואָס פירט צו איהרע פענסטער אין דעם כשוף פון לבנה־ליכט.

עס איז דער מאַן, וואָס האָט זיין וועלט אזוי געבויט, אז אלע פענסטער — מזרח, מערב, צפון,

פארן מאָרגענשטערען

דרום — זאָלען פירען צו דער פרוי. געצילט האָבען אהין זיינע טריט און געצעלט האָט ער שטענדיג זיינע טעג, וואָס האָבען געשטאַרקט זיינע טריט.

און דאָך איז דער וועג מיט דערנער פול.

און דאָך איז דער וועג אָהן אן אָנהויב און אָהן א סוף: ליגט אין נעבלען איינגעוויקעלט.

ווייל אויב דער מענש ברענגט זיין האַרץ פאר א קרבן צו זיין איינענעם גאָט — טוט ער דאָך עס מיט א ברכה אויף די ליפען; אָבער ווען ער ברענגט זייז גאָט פאר א קרבן צו זיין פארנעבעלטען ווילען — ווער וועט יעמאָלט די נעבלען צוטרייבען און איהם זיין חורבן ווייזען?

האָט דער מאַן א זון באַשאַפען זי זאָל איהם באַלייכטען דעם וועג, וואָס פירט צו דער פרוי; האָט דער מאַן א זון באַשאַפען און אין איהר, איינגעפאסט זיין האַרץ עס זאָל זיך באָדען אין

האַלבע פאַרלאַנגען

טויען פון לוסט און ליבע. קוקט דער מאַן אין די אויגען פון דער פרוי און צעהלט די קלעפּ פון זיין האַרצען. טראָגט דער מאַן זיין הייליגקייט אויסגעבאָדען און איינגעהילט אין לויטער עהר־ליכקייט; טראָגט עס צו דער פרוי, אין איהרע אָרעמס וועלטען גרויסע אויפצובויען — — — — — וואַכט ער אויף פון איהרע אָרעמס, קוקט צום וועג וואָס האָט איהם געפירט און דערקענט דעם עלענד, וואָס וואַרט א בלאַסער אויף זיינע שוואַכע טריט. און ווי א קינד וואָס שפּילט זיך מיט זיין אייגענעם חלום ביז דער טאָג איז פאַרגאַנגען — אזוי איז דער מאַן ביים שוועל פון זיינע אייגענע וויסטע וועלטען. א פּאָטער פון אויסגעלאָשענע זונען.

דאָס האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שענסטע קליידער און קנעכטיש זיך געשטעלט צו בויען א פּאַלאַץ פאר זיין גליק.

פארן מארגענשטערען

האָט צום פּאַלאַץ אָנגעטריבען דינער, העלפער, זיי זאָלען אלע זיינע רייכקייטען אריבערברענגען פון זיינע אויסגעטראכטע הימלען. האָט ער דאָך באפוילען א בעט פאר זיך אויסבעטען, אז גרויס זאָל זי זיין ווי די גאנצע וועלט — — — — — אָבער וועלט, האַרץ און לויטערקייט געהן ניט דעם איינציגען וועג, אָנגעצייכענט פון מענשענס האַנט אין א צייט פון שווערען נעבעל.

ער האָט די פרוי געקרוינט פאר א גאָט און אָנגעטאָן איהר קליידער פון א שקלאַף.

ווייל גאָט און שקלאַף איז דער מענש מיט זיינע האַלבע תאוות, מיט זיינע האַלבע פארלאנגען אין זיין פּאַלאַץ פון רויך און נעבעל.

* * *

עס ווערט ניט אָרעם אונזער זון טאָג נאָך טאָג שיינענדיג און לייכטענדיג, און ווי זאָל

האַלבע פאַרלאַנגען

אָרעם ווערען דער גרויסער גאָט, וואָס האָט די זון אליין באַשאַפען?

איז די פרוי דאָס גרויסע פייער, וואָס באַדאַרף זיין גליק באַלייכטען; איז די פרוי דאָס גרויסע פייער וואו דער מאַן פארברענט זיין גליק, וואו דער מאן פארברענט זיין וועלט. בלייבען בלייבט דער גרויסער טרויער, בלייבען בלייבט דער עלענד שווארץ. זיי זענען ניט פאַרברענט געווארען אין יענעם גרויסען פייער.

עס וויל זיין האַרץ צוריסען ווערען אין די אָרעמס פון דער פרוי. שטורמס רייסען אויפצובלאָזען שטאַרקער, שטאַרקער דאָס גרויסע פייער, וואָס שמעלצט צוזאַמען טויזענט נעכט און טויזענט טעג אין איין ליכטיגען פריהמאָרגען.

עס האָט דער מאַן זיין הימעל אויסגעשפריים אין די אָרעמס פון דער פרוי און געבראַכט אהין זיין גרויסען לעבען. ס'האָט דער מאַן זיין חלום

פאַרן מאָרגענשטערן

אָנגעצונדען מיט דעם ליכט פון פריהמאָרגען, מיט דעם ליכט פון מאָרגענשטערן.

— זאָל זיין רעכטע האַנט דער שומר זיין, אז די לינקע זאָל דאָס ליכט נים אויסלעשען, און זאָל זיין לינקע די רעכטע האַנט באַוואַכען, ווען זי צינדט אין פלאַמען זיין אייגען גליק.

אין די אָרעמס פון דער פרוי לעבט דער מאַן זיין לעבען און בויט זיין שענסטע וועלט. עס האָט דער מענש זיין גאָט באַשאַפען אויפצוהיטען זייבע וועלטען און עס האָט מאַן און גאָט די פרוי באַשאַפען, וואָס זאָל געוועלטיגען איבער ביידע.

און ביידע זענען אונטערטעניג, גרויס און שוואַך, פינסטער אין דער אייגענער ליכטיגקייט.

קוקט דער מאַן פאַרוואונדערט צו זיין קינד,

זעקסאונזעכציג

האַלבע פאַרלאַנגען

וואָס ליגט אין די אָרעמס פון דער פרוי, און אַ שכינה רוהט אויף דעם. ווייסט ניט, אַז יענעם קוואַל האָט ער באַשאַפען ווען ער אַליין איז ג אָ ט און ק י נ ד געווען איינגעשלאָסען אין די אָרעמס פון דער פרוי. ער אַליין האָט אָנגעצונדען יענע שכינה, וואָס לייכט פאַר איהם אין איהר עהרליכקייט.

זויגט דאָס קינד די מילך פון דער מוטערס בריסט.

— האָט דאָך דער מאַן מיט זיין בלוט געבענשט יענעם קוואַל ווען ער איז געווען קינד און גאָט און איינגעשלאָסען אין די אָרעמס פון זיין לעבען.

ער קוקט פאַרוואונדערט און שטילערהייט. אַ שפּל, געהט ער זוכען פונקען איינציגע אין דער אַש פון פאַרברענטע וועלטען, אינ'ם רויך, וואָס קנוילט זיך און וועט דעם פלאַם דערשטיקען.

זיבענאונזעכציג

פארן מאָרגנשטערן

גאָט און מענש און קינד און קנעכט איז
ער אליין אין זיין קעניגרייך.
ווייל דער וואָס ווייסט, אז ער איז האַר, —
דער מוז ווערען קנעכט און שפּל.
און דער וואָס קען זיין דאַרשט ניט לעשען
ביי א לויטערען קוואַל — איהם וועלען אויך
די וואָלקען ניט ברענגען קיין דערלייזונג. פול
איז דער בעכער, פול ביז׳ן ראַנד און די ליפּען
איינגעשרומפּען.
פול איז דער בעכער ביז׳ן ראַנד און דאָס
האַרץ אויף קויל פאַרברענט.

אבטאונזעכציג

צײַט

טריט בײַ טריט שלעפּען די אָקסען דעם
אַקעראײַזען און רײַסען אויף די זאַפּטיגע ערד.

טריט בײַ טריט שפּרײַזען זײ דורכ׳ן פֿעלד
פֿון ראַנד ביז ראַנד און הינטער זײ געהט נאָך
דער מענש מיט א בײַטש אין האַנט.

טריט בײַ טריט געהט דער מענש און טרעט
דאָס זאַמד, קריצט אײַן זײַנע טריט אין זאַמד
און נאָך איהם קומט דער ווינט און פֿאַרטראָגט
זײַנע טריט, און טרײַבט אונטער דעם מענשען מיט
דער בײַטש, ער זאָל טרעטען דעם נישטיגען וועג.
אַקס און מענש.

פֿאַר בײדען שײַנט אויף די זון. פֿאַר

פארן מאָרגנשטערן

ביידען קומט אָן דער טאָג. פאר ביידען איז באַשאַפען געוואָרען א בייטש. מיינט דער מענש, אז ער איז דער יורש פון דער בייטש. אָבער צעהלען צעהלט דער מענש זיינע אייגענע וואונדען פון דער בייטש, וואָס אין די הענט פון ווינט.

טריט ביי טריט, דער קאָפּ אראָפּגעלאָזען און דאָס האַרץ איז פול מיט שטורם און פּחד, אזוי געהט ער מיין ברודער נאָך זיינע אָקסען און האָט מורא די שטריק איינצולאָזען —

— האַלט איין דיינע טריט, לאָז צורוה די אָקסען, די שטריק האָבען שוין וואונדען איינגעשניטען אויף דיינע הענט! קוק זיך אום אהינטער, זעהסט א באַטשאַן געהט נאָך טריט ביי טריט הינטער דיר און קלייבט די זשאַבעס וואָס שפּרינגען ארויס פון אונטער דיין אַקער־אייזען. זעה ווי ער שלינגט זיי לעבעדיגערהייט! —

צײַט

דאָס שפּילט דער מיוועל אתינטער דײַנע פּליוצעם. ער שפּילט די שפּיל פון דײַן אײגען ?עבען אויף דער ערד. ער מאַכט דיר נאָך דײַן אײגענעם וועג, וואָס דו געהסט אין לעבען טריט בײַ טריט.

טריט בײַ טריט געהט אום דער ליב אין שטיג פאַרשלאָסען. זײַנע בליקען שנײַדען דורך די שטאַבעס אײַזען און דאָך בלײַבט ער געפאַנגען.

— געה צו געהנטער. קוק אַרײַן אין זײַנע אויגען דרייסט. וועסט אין זײַנע אויגען דײַן געשטאַלט דערזעהן און עס וועט דער ליב דערקענען זײַן געשטאַלט אין דײַנע אויגען.

ליב און מענש.

זײ קוקען זיך אָן אויג אין אויג. בײדע זענען געפאַנגען, צווישען שטאָלענע שטאַבעס אײַנגעשמידט. עס זעהט דער ליב אין מענשענס

פאַרן מאָרגענשטערן

אויגען א ברודער־לייב געפאַנגען אין א שטייג און עס זעהט דער מענש אין די אויגען ביי דעם לייב — א ברודער־מענש מיט א פנים בלאַס, א האַרץ אין פלאַמען און וואָס אינאיינעם מיט זיין לעבען איז ער אין אייזערנע נעצען געפאַנגען.

* * *

טריט ביי טריט געהט דער מענש און פירט די צייט אויף א שטריק ווי עס פירט דער פויער זיינע אָקסען. האָט די צייט זיך מילד געמאַכט, שפל און אונטערטעניג.

דאָס פירט ער זי צו זיין אייגענעם קבר. ער וויל דער מוטער צייט מיט זיך אין קבר אריין פארנעמען.

ער האָט איהר אויף די פלייצעס זיין שווערען מאַנטעל ארויפגעוואָרפען; ער האָט איהר

צייט

אָנגעלעגט אויף די פּלייצעס זיין שווערען משא־זאַק :

עס ליגט אין זאַק א קליינער מת, האַלב פון מילבען אויפגעפרעסען און האַלב פון ווע־רים אויסגעטאָטשעט.

עס ליגען אין זאַק דורות לאַנג שוין גע־שטאָרבענע און זכרונות מיט שטויב און שימעל איבערגעלעגט און איבערגעשאָטען.

עס ליגען אין זאַק אייביגקייטען פארשני־טענע און פון בייזע ווינטען אָפּגעשמיסענע.

עס ליגען אין זאַק סודות וויכטיגע, וואָס האָבען גאָר קיין מאָל ניט געהאַט קיין באטייט און האָבען שטענדיג, ווי א בייז וואַסער, אונ־טערגעשווענקט דעם פונדאַמענט פון מענשענס לעבען.

עס ליגט דאָרט אויך א מזבח מיט אַלטען אַש און פּיצלאַך קוילען, וואו עס האָט דער מענש

פאַרן מאָרגנשטערן

זיין אייגען האַרץ געבראַכט פאַר א קרבן און געבראָטען אין זיין אייגען פייער.

לאָז אָפּ די שטריק, פאַרשליידער די בייטש און בינד אָפּ דעם זאַק, וואָס אויף די איינגעבוי־גענע פּלייצעס פון דער מוטער צייט; לאָז אָפּ די שטריק און הייל די וואונדען אויף דיינע הענט! עס איז קיין איין ליכטיגער חלום ניט באַשאַפען געוואָרען אויף דעם אָרט, וואו דיין בייטש האָט געטראָפען. די גרויע ווירקליכקייט האָט אונטער דעם פייף פון דער בייטש איהרע וועלטען באַשאַפען.

און ווען דו ווערסט די מוטער ערד באַשענ־קען מיט דיינע שמייץ וועט זי אויך דיר א קללה געבען אנשטאט דעם ברויט, וואָס האָט פון איהר ארויסגעקוקט. ווער קען דען מיט שכר און חסד ווערען באַשאַנקען, אז אויף דעם פּנים פון דער צייט פאַלען דיינע שווערע שמייץ? אז

צייט

דו לאָזט די טרערען זאָלען דעם פּנים פון דער צייט ברייט און לענג צואַקערען?

פאַראַן אַזוינע שטעטערלינגען, וואָס לעבען פון פריהמאָרגען ביז נאָר צו דער שקיעה. איין טאָג, אָן איין איינציגען.

— צי זענען הונדערט יאָהר דען גרעסער פון יענעם איינעם טאָג מיט ליכטיגקייט באַ־חנ׳ט?

און ווען טען זאָל איין רגע, א ליכטיגע, א לויטערע פון דער לאַנגער לעבענס־קייט ארויס־קייטלען, האָט זי דען ניט איינגעשלאָסען די גאַנצע אייביגקייט אין איהר ליכטיגקייט, אין איהר לויטערקייט?

ווען אלטע וואונדען יאַמערען זיך פאַר־שפּרייטענדיג א עפּוש ריח ארום און ארום — שטראַלט דען די זון ניט לויטער פון איהר הויכ־קייט?

פינפאונזיבעציג

פאַרן מאָרגנשטערן

צי קומט זי דען ניט שפּיגלען איהר פּנים אין טרערען־קוואַל?

און צי לייכטען דען ניט איהרע שטראַלען, ווען מיינע פיס בלאָנדזשען שטרויכלענדיג צו אַ פרעמדען תהום?

א רגע, א איין־און־איינציגע, א שטראַלענדיגע, וואָס ריזעלט ווי קוואליק וואַסער לעבען און עהרליכקייט פון ראַנד צו ראַנד און הונדערט יאָהר פון רוחות בייזע אויסגעקלערטע, וואו רוחות בייזע שפּילען זיך מיט דעם גורל מיינעם — —

— פון וועמען זאָל איך ווערען קנעכט און האַר? פון וועמען זאָל איך ווערען שטויב און וואָרים?

מיט דער בייטש אין האַנט, געטריבען פון א בייטש לעבסטו, ברודער, דורך די ד ו ר ו ת.

מיט א זון אין האַנט און פון דער זון גע־

צייט

בוירען ביסטו אליין אין יענער איין־און־איינ־
ציגער, ציטריגער ר ג ע.

ווי קענען דורות זיך פאַרמעסטען אין קווי־
טען מיך פארשמידען, ווען עס ווינקט צו מיר
איין רגע?

זיבענאונזיבעציג

איין רגע

וואָס דערזעהען די אויגען ווען די ברעמען
עפענען זיך אויף נאָך א נאַכט פון שטילער רוה?
וואָס דערזעהען די אויגען ווען דער מאַן האָט
אויפגעהויבען זיין קאָפּ פון זיין געליבטער'ס
האַרץ?

וואָס דערזעהען די אויגען נאָך דעם, ווי
טרערען האָבען זיי געוואַשען ערגעץ אין א
פינסטערען ווינקעל פון אונזער לעבענס־תפיסה?

האָט אימיצער אויסגעמאָסטען דעם וועג פון
אַזאַ אויגענבליק און אויף איהם געבויט זיינע
לעבענס־פּאַלאַצען? האָט ווער געלאָזען לויפען
זיין לעבען אויף יענעם ליכטיגען וועג אין
יענער רגע?

אבטאונזיבעציג

עס זאָגט צו מיר דער בלינדער:

— מיט דער זון וואָס איז יעדען טאָג אַלץ פריהער פאַרגאַנגען איז טונקעלער געוואָרען די גרויסע זון פון לעבען, און אלע וועלטען מיינע זענען טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה, רגע נאָך רגע אלץ טונקעלער געוואָרען, ביז א לאַנגע נאַכט איז אָנגעקומען.

אפשר באַדאַרפען מיר טריט ביי טריט בלינד ווערען, אז מיר זאָלען קענען דערקענען אונזער ליכטיגען וועג, וואָס יענער אויגענבליק האָט פאַר אונז דורכגעשניטען?

וואָרום ווי וואָלט גאָר עלענד ארום אונז געלויערט, ווען דאָס האַרץ זאָל מאַכען הערשען די איין־און־איינציגע ליכטיגע רגע אויף דער שורה פון גרויע טעג? גוט צו באַלייכטען דעם עלענד קומט יענע רגע: עס וואָלט דאָך צוריסען געוואָרען אונזער האַרץ ווי דער שפינוועבס אין

פארן מאָרגענשטערען

אָסיען, ווען אונזער עלענד זאָל ווערען באלויכ־טען מיט דער ליכטיגקייט פון לעבען.

אזוי איז געשעהן, אז ליכטיגקייט און עלענד זאָלען געהן אינאייגעם אויף אונזער וועג און דאָך זאָל עלענד בלייבען אין דער פינסטער־ניש; אז דורך פאַרטרערטע אויגען זאָלען מיר איהם דערקענען.

זאָלען צוויי מענשען זיך נעמען האַנט ביי האַנט און זאָגען:

— לאָמיר אונזער פרייד באַגעגענען אינ־איינעם; אונזער לייד אינאיינעם טראָגען; לאָ־מיר ביידע ברענגען די זון אין פריהמאָרגען און אינאיינעם זי באגלייטען צו איהר רוה —

— וועלען זיי קענען פארדאָפלען זייער לייד?

— ניין, לייד איז גרויס ווען אליין איז דיר באַשערט צו טראָגען דיין לייד אין הארצען.

אכציג

איין רגע

עלענד איז שווער ווען אליין איז דיר באַשערט צו שפּרייזען מיט דיין עלענד אין לעבען. בלויז אונזער לעבענס־פרייד קענען מיר אין צווייען פאַרדאָפּלען. עס דערגרייכט ניט די זון צו דער טיפעניש פון וואַלד; עס דערגרייכען ניט שטראַלען צום אָפּגרונט פון ים און עס דערגרייכט ניט די זון צו דער טיפעניש פון דיין פיין אויב דיין וועלט איז געבויט אויף א פינסטערען יסוד. און צי קען נאָר עלענד האָבען זיין שליטה אויב מענש און ים שפּיגלען זיך אין דיין איך: ווען מענש און מוטער־ערד — ביידע בליהען אין דיין ערשטען אויגענבליק.

* * *

לאָמיר מאַכען א קרייז ארום זיך אויב די וועלט איז צו גרויס פאר אונזערע ארעמס. צי וועט אָבער יעמאָלט דאָס לעבען ווערען אייגנגע־

פארן מאָרגענשטערען

שלאָסען אין דעם ענגען קרייז? צי איז דען
דער רינג, וואָס איך האָב באַשאַפען ארום זיך
די אמת'ע גרעניץ צווישען וועלט און מיין האַרץ:
צווישען מיינס און נים מיינס?

צי קען דען דאָס האַרץ א בעטלער ווערען,
אז רייכקייטען קומען אָן פון אלע עקען וועלט
און וואַרטען ביי דיין שוועל? צי קען דען די
נשמה זיך איינוויקלען אין וואָלקענס, ווען די
זון קוקט פון אלע ווינקעלאך ארוים? צי קען
דען ווער מאַכען א קרייז ארום זיך און באשווע־
רען זיינע בליקען:

— ביז אהער זאָלט איהר גרייכען!

נימאָ קיין תפיסה־ווענט ווען די בליקען
זענען צום ליכטיגען פענסטער געווענדעט — צום
קליינעם ליכטיגען פענסטערעל פון אונזער גע־
פענגניש.

אונזער לעבענס־תפיסה — ווען מיר

איין רגע

זענען אין דעם פרייען לעבען און קלעטערען מיט אלע כחות אויף דער תפיסה־וואנט, צום קליינעם פענסטערל זיך דערקלייבענדיג, קוקען אין ענגען קרייז אריין און פיהלען ניט ווי דאס גרויסע לעבען קלאפט איבער'ן אקסעל. עס איז די גאנצע וועלט א פינסטערער קעלער פאר דעם, וואס שטעהט מיט'ן פלייצע צום פריהמארגען און זיין מהות איז פארטיפט אין דעם רינג וואו עס קעניגט עלענד; וואו ער איז דער מושל אויף זיין טרערען־בעט.

די האנט איז אלמעכטיג, אז זי פארמעסט זיך בערג איבערצוטראגען. די האנט איז אונמעכטיג, ווי די האנט פונ'ם גוסס, ווען זי וויל איינציגע ציגעלווייז פון אלע וועלטען צוזאמענשלעפען און מויערען א וואנט ארום לעבען.

אין דעם איינאונאיינציגען ליכטיגען אויגענבליק זעהען די אויגען א ליכטיגע וועלט, וואס

פארן מאָרגענשטערען

וויגט זיך אין א׳ ליכטיגער וויג, געשפּונען פון ליכטיגע חלומות אין לויטערער ווירקליכקייט.

— עס איז דער ערשטער אויגענבליק פון אונזער לעבען און ווער קען א וואַנט אויפשטעלען צווישען זיך און יענער רגע?

ווערען דאָך בלומען אין דער פינסטערניש פאַרדאָרבען; קען דאָך דער גראָז אין דער פינסטערניש ניט גרינען; קען דאָך רגע מיט רגע ניט דערלאַנגען זיך די הענט, אויב עס האָט זיי אונזער ליכט ניט דערנעהענטערט — פאר וואָס בלאָנדזשען אזוי אונזערע בליקען, רחמים זובענדיג, ווען טרערען וואַשען דעם שטויב פון אונזער וועלט; ווען טרערען שווענקען דאס פענסטערעל פון דער־נאָך־ניט־באַשאַפענער תפיסה?

ווען דער איינאונאיינציגער אויגענבליק ברעכט געמויערטע ווענט, עפענט הימלען אויף פאַר אונז און בעט די גאַנצע ערד אוים פאַר

איין רגע

אונזער בעט — ווער קען דען יעמאָלט אויסשטרע־
קען א האַנט וואָס ציטערט, א האַרץ פאַרקלעמט,
און אויגען וואָס בעטען רחמים?

ווען איך פיל מיין הויפען אָן מיט בשמים
און לאָז מיין הארצענסקוואַל שלאָגען גרעסער —
ווער וועט יעמאָלט א הויפען שטיינער צונויפ־
שלעפען און דאָרט פאר מיר א תליה שטעלען?

וועט דעם תליונ'ס שטריק צו מיין האַלז
דערגרייכען — אויב אזוי קענען זון, לבנה,
שטערען זינקען צו מיינע פיס און כ'וועל אין
דער לעצטער רגע זעהן ווי זיי זינקען אינאווי־
נעם מיט מיר אין הפקר־זומפּ...

אָבער זון, לבנה, שטערען און מיין ווילען
האָבען האַנט זיך האַנט געגעבען און זינגען פאר
מיין טיר, זינגען פאר מיין פענסטער...

דער ערשטער אויגענבליק. און אזוי אויך

פארן מאָרגנשטערן

די לעצטע רגע. עס איז אונזער אייגן ליכט,
וואָס באלייכט אזוי העל צווישן זיי אונזער לע־
בענס־וועג.

שטויב

די אייגענע טריט, וואָס פירען צום גרוב, קענען אויך דערנעהנטערען צו א ליכטיגען לעבען; אָבער דער, וואָס די גרוב איז זיין געדאַנק, ער וועט פריהער זיך דערקלייבען צו דער היים פון שווערען חושך.

די וואָס קענען ניט דורכדרינגען מיט זייער בליק דעם שטויב־וואָלקען, וואָס די צייט באַשאַפט אין איהר געלויף, זיי פיהלען זיך אין לעבען ווי אין א טרוקענעם, דאָרשטיגען מדבר. איז דאָך שוין גלייכער פאר זיי איינגאַנצען צו פאַרמאַכען די אויגען און לאָזען זיך פירען בלינדערהייט צום ראַנד פון תהום.

פאַרן מאָרגנשטערן

ווען דער שטורם ברעכט די צווייגען פון פאַר־דער־צייט פאַרטריקנטע ביימער, פליִען די פייגעל צו א זיכערען אָרט, כאָטש א פינסטערע נאַכט צאַפּעלט זיך איבער'ן וואַלד. זענען מיר אָבער געבוירען אונטער שטויב פון דורות און דער שטורם, אז ער קומט, הורבעט ער שווערער אָן דעם שטויב אויף אונזער איינגעבויגענער פּלייצע.

ווען דער שטורם־ווינט שפּילט זיך צווישען די כוואַליעס פון ים, געהט זיך רוהיג זיין וועג דער שטראָם אין דער טיפעניש פון ים. עס קען דער שטורם אויבען ניט מאַכען אָפּנייגען פון זייער וועג די שטראָמען, די אייביגע, וואָס אין דער טיפעניש פון ים.

איז דאָך אונזער נשמה א שוועסטער פון ים, וואו עס שפּילען זיך שטורעמס צווישען די כוואַ־ליעס, וואו זונען נאָך זונען באָדען זיך אין די

שטויב

כוואַליעס, — טאָ ווער קען מיר מיין לעבען אין פאָלע פאַרוויקלען און טראָגען צום מיסט־באַרג, וואו עס האָט דער וועלט־נאַר זיינע אוצרות?

רוף ארויס דעם שטורם ביי זיין נאָמען:

— קום, דו שטורם, האַלט מלחמה מיט דיין ברודער מענש!

וועט דער שטורם ענטפערען:

— איך בין שטורם, דיין אינגערער ברודער, און ווי קען איך זיך שטייערען מיט מיין ברודער?

שלאַקס־רעגענס רוף ארויס און שטעל דיין ברוסט ארויס מיט גבורה. זאָגען וועט דער רעגען:

— אויב דו, מענש, ביזט האַר און גבור, בין איך יעמאָלט קנעכט צווישען קנעכט; וועל איך מאַכען גרינגען די ערד ווי ווייט דיין ווילען וועט נאַר דערגרייכען, ווי ווייט דיין האַרץ

פאַרן מאָרגענשטערען

וועט נאָר דערגרייכען ; הייסטו — וועל איך מאַכען גריכען אלע דיינע וועגען, אלע דיינע שטעגען.

איז דער שטויב אין אונז דער האַר געוואָרען און מיר קניהען אונטער שטויב פון דורות ; איז דער שטויב געוואָרען אונזער אוצר, אונזער פעסטונג, — איז דאָך שוין גלייכער די אויגען שטיל פאַרמאַכען און אונטערטעניג, בלינדערהייט זיך לאָזען פירען צום ראַנד פון פינסטערען תהום.

* * *

דער פויגעל ווייסט ווי צו בויען זיך א נעסט אין די צווייגען. עס ווייסט די שלאַנג ווי איהר נעסט צו בויערען אין דער ערד. און עס ווייסט דער פויגעל ווי צו היטען זיינע קינדער פון דער בייזער שלאַנג. דער אָדלער בויט זיין נעסט צווישען הויכע פעלזען, און עס ווייסט אויך די שוואַלב צו קלעפען זיך א נעסט ביים

פּענסטער פון אונזער שטוב. און עס ווייסט דער מענש דעם וועג פון אָדלער, שלאַנג און פון דער קליינער שוואַלב, אָבער וואוהין עס פירט איהם זיין אייגענער וועג, דאָס האָט ער פאַר־טרויט צו וויסען דער בייזער שלאַנג, וואָס גראָבט זיך אונטער זיינע פונדאַמענטען; דאָס האָט ער געלאָזען פאַר דעם טוילוואורף, וואָס טראָגט ארויס די ערד פון אונטער זיינע פיס.

ווען שטויבלאַכווייז וועט איהר א באַרג אראָפּטראָגען פון זיין פונדאַמענט, וועט איהר קיין אַנדער באַרג ניט באַשאַפען. און ווען פונ־קענווייז וועט איהר רויבען פון אייער נשמה'ס ליכט און ווארפען אין דער פינסטערער נאַכט ארייז, וועט נאָך דערפון קיין טאָג ניט ווערען. טראָפּענווייז טריפט דאָס בלוט פון הארץ און עס בלייבט דאָס האַרץ קאַלט און גישטיג. פונ־קענווייז טראָגט זיך די נשמה צום שטורם, און

פארן מארגענשטערן

דער שטורם האָט פאר יעדען פונק אַן אנדער וועג.
ווי דער שוים, וואָס בלעזעלט זיך ביים מויל פון א גוסס־קינד,—אָט אזוי איז דער גורל פון דער נשמה, ווען פונקענווייז רייסט זיך איהר ליכט, לעשט זיך אין דער פינסטערניש ארום.

עס רוישט דער ים; עס קאָכט דער שוים, שוימענדיג ביים ברעג, ווען די כוואַליעס ווערען צושלאָגען אין לעצטען געיעג. אָט אזוי ווערט צושלאָגען אין שטורם אונזער לעבענס־ים און אזוי שוימט זיך א שוים ביי אונזער לעבענס־ברעג. עס איז דער שטויב פאר׳ן ים א גרעניץ, און דער שטויב ביים שוועל פון אונזער לעבען איז די גרעניץ פון אונזער שווערען לעבען, איז דער ברעג פון אונזער לעבען.

ווען די זון שיינט לויטער און איהר ליכט שפרייט זיך ברייטער ארום — מאַכט זי טרוי־קענער, גלוטיגער דעם זאַמד פון מדבר, מאַכט זי

שטויב

וואַקסען און גרינען בוימער, ביים ברעג פון טייך און שטראָם, און מאַכט, אז פון א שטעהענדיגען וואַסער זאָל אן עפּוש זיך פארשפּרייטען. אזוי איז דאָס ליכט פון אונזער אייגענער זון אין אונזער לעבען, וואָס איז מיט שטויב־בערג ארום־גערינגעלט.

איינער טונקט אָרימע קנויטלאך אין בוימעל און צינדט זיי ארום זיך און לאַשטשעט זיך אין דעם אָרימען פייער. איינער גיסט דעם גאַנצען בוימעל אויף זיין הויז און צינדט זיין הויז, שפּילט זיך אין זיין אייגענעם פייער. — — —

אָבער ווער עס וויל זיין הויז אויף שטויב ניט בויען און וויל זיין האַרץ אויף קנויטען ניט צופּעדימען, — דער וועט אויך זיין ליכט אין שטורם קענען טראָגען. דער וועט אויך זיין זון צווישען זונען הענגען.

ווערים

פון אַלטע וואונדען איז דער וועהטאָג קלע־נער און ווייטער איז דאָס האַרץ פון אָרט וואו עס פוילט דאָס לייב. ווען די וואונד איז פריש איז דער וועהטאָג שאַרפער און דאָס בלוט, אזוי שטראָמענדיג, ווען עס קומט פון דער פרישער וואונד ארויס, שפּיגעלט זיך א פארוואונדעט האַרץ אין דעם אייגענעם בלוט.

ווערים.

אין אונז קנוילען זיי זיך און ווערען גע־שפּייזט פון אונזער לעבען. אונטער אונזערע טריט ווערימען זיי זיך און גראָבען אונטער דעם יסוד אויף וואָס אונזער יסוד איז אנידערגעשטעלט.

־יראונגייגציג

ווערים

אין אונזער נשמה האָבען זיי זיך פארקליבען און וואַרטען אויף אונזער אונטערגאַנג.

צום שטומען שטיין האָבען זיי ניט קיין שליטה, צום הארטען פעלז קענען זיי ניט דערגרייכען.

אַט דער פעלז וואָס שפּאַלט זיך ווען א צאַרטער וואָרצעל פון א בוים באַדאַרף דורך איהם א וועג זיך מאַכען, אַט דער פעלז — איהם קענען ווערים ניט מאַכען פאר זייער רויב. אָבער דער בוים וועמעס וואָרצלען עס האָבען דעם פעלז געשפּאָלטען — ער פאַלט א קרבן צו זייער ווי־לען...

ווייל דאָס וואָס לעבט א גרויס לעבען געהט אויך אונטער אין זיין גאַנצער גרויסקייט, און דער, וועמעס אונטערגאַנג איז רגע'ווייז, אויגענבליקווייז ווי עס שטאַרבען די גרויסע זומער־פאַרנאַכטען — פון זיין לעבען און אונ־

פאַרן מאָרגנשטערן

טערגאַנג דערנערען זיך די ווערים; זיין אונ־טערגאַנג איז זייער גרויסער חיונה־קוואַל.

האָט איין וואָרים אין דעם רעכטען אויג זיך באַזעצט און פאַרדאַרבט עס, פאַרדאַרבט עס און שטראַלענווייז רויבט ער דאָס ליכט אַוועק פון דעם אויג.

האָט א וואָרים אין דער לינקער אויג זיך באַזעצט און שטראַלענווייז, שטראַלענווייז לעשט ער אויס דאָס ליכט פון טאָג; לעשט אויס דאָס ליכט פון לעבען.

האָט א וואָרים אין האַרצען זיך באַזעצט און טאָטשעט, טאָטשעט, ביסלאַכווייז; און ווען עס קומט אריין א שטראַל ליכט, און ווען עס קומט אריין א לעבענס קלאַנג, א לעבענס ציטער — בויט ער אויס א פארפוילטע וואַנט, וואָס טוילט אָפּ דעם ווילען פון דער ליכטיגקייט; טוילט אָפּ דעם פאַרלאַנג פון לעבענס קוואַל.

זעקסאונניינציג

ווערים

פֿאַראַנען ווערים וואָס, אַז זיי בייסען זיך אין לייב אריין און איהר ווילט פֿון זיך די פֿלאג ארויסרייסען — רייסט איהר איבער די פֿלאג אויף צווייען. איין העלפֿט צאַפּעלט זיך באנאייך אין האַנט און די צווייטע גראָבט זיך טיף אין לייב אריין; ווערט צוריק אויפסניי געבאָרען, בויערט טיפער, טיפער אין לייב אריין.

פֿאַראַנען ווערים, וואָס באַזעצען זיך אונטער די נעגעל פֿון די פינגער און ווען די האַנט שטרעקט אויס א פינגער אָנצואווייזען אויף אַ שטערען, וואָס רייסט זיך ארויס פֿון הימעל אין דער שטילער נאַכט; שטרעקט די האַנט אויס איהר פינגער אָנצואווייזען אויף א בלום, וואָס האָט זיך פֿון קנאָספּ ארויסגעוויקעלט; שטרעקט די האַנט ארויס א פינגער אָנצואווייזען ווי עס זויגט א קינד איהר מוטערס ברוסט; שטרעקט די האַנט ארויס א פינגער אָנצואווייזען ווי די

פארן מארגענשטערען

ליבע מאַמ זיך אויפ׳ן אַקסעל פון דער יוגענד
באַזעצט — — — —
— זענען ווערים דאָרט באַהאַלטען אונטער
יענעם נאַגעל פון אַט יענעם פינגער — —

* * *

אַזוי האָב איך געבויט א הויז און אין הויז אויסגעבעט מיין בעט, וואָס פון פרישע ברעטער אויסגעשניטען.

אַזוי האָב איך פארפלאנצט א בוים ביי מיין פענסטער און ביז צו די צווייגען מיט קאַלך איהם ארומגעקאַלכט.

אַזוי האָב איך מיין קאָפּ אַנידערגעלעגט אויפ׳ן הארצען פון מיין ליבסטער, אויפ׳ן האַר־צען פון מיין לעבען.

אַזוי האָב איך איינגעלאַדען גרויסע, ליבע אורחים צו מיין הויז, צו מיין בוים, צו מיין ליבעס־בעט:

אבמאונגיינציג

יוערים

איך האָב דעם מזרח־ווינט אַרויסגערופען ער
זאָל דער פריהמאָרגען פאר מיר ברענגען.

איך האָב דעם מערב־ווינט ארויסגערופען ער
זאָל מיר שקאַרלאט־יונגע אוועגט־וואָלקענס פאר
מיין פענסטער אין אָוועגט פיהרען.

איך האָב דעם דרום־ווינט באַפוילען, ער זאָל
דעם ליכטיגען ריח פון מיין גאָרטען צו מיין
פענסטער ברענגען שטיל.

איז געקומען דער צפון־ווינט און שנייען
קאלטע, און שנייען שווער געבראַכט צו טראָגען
צו מיין טיר; האָט אייז און האָגעל געבראַכט
צוטראָגען צו מיין געלעגער און האָט אראָפּגע־
שלאָגען די בליטען פון מיין בוים, וואָס איך
האָב געפלאַנצט.

איז די יוגענד צו מיר געקומען און האָט
מיך געטרייסט און געטריקענט מיט איהר רעכ־

פאַרן מאָרגענשטערען

טער האָנט, יונג און וואַרים, מיינע טרערען
אויף די באַקען — — — איז די עלטער אָנגע־
קומען און געשעפּטשעט שטיל אין אויער א
סוד, וואָס איך האָב גאָר ניט געקענט באגריי־
פען, און האָט באַוויזען מיר מיט דעם מיטעלס־
טען פינגער צו דער ווייטער ווייטקייט —

זעה איך ווי אונטערן נאָגעל ווערימט זיך
א ווערימעל און גראָבט זיך טיפער, טיפער...

אַזוי קומען פוילע ווינטען דורך דער
נאַכט, ברענגען טויט און סם און לויערען
אַרום מיינע גיטער; פאַרקלייבען זיך אין
האַרצען פון מיינע שענע וועלטען, און נאָך
ביים ליכט פון מאָרגענשטערען זעה איך ווי אלע
מיינע וועלטען זענען וואַך און באַקלאָגען אליין
זייער אונטערגאנג. און מיט'ן אָנקומען פון
פריהמאָרגען איז א טויטע ליד שוין געבאָרען
און לעבט איהר לעבען אין אונזערע מתנות;

הונדערט

ווערים

לעבט איהר לעבען און דערמאָנט אין אונזער אונטערגאנג. — — —

איז דער פעלז גרויס און זיין גבורה איז גרויס און דאָך עפּענט ער אויף זיין האַרץ פאר׳ן װאָרצעל פון בוים —

און שלאָפען שלאָפט דער שטיין איינגעגראָבען אין פעלד; אונטער איהם האָבען ווערים זייער נעסט געמאַכט און צום שטיין האָבען זיי קיין שליטה ניט.

אויך איז פאַראַן אין לעבען — עס לאַכט א קינד זיין ליכטיגען געלעכטער, די עלטער פאר־נעהמט עס און פונקען פינקלען אין דער עלטערס אויגען...

פאַראַנען אויך דער וועג וואו די יוגענד האָט איהר פוס געשטעלט אויף א פעלז און האָט דעם פעלז אונטערטעניג צו זיך געמאַכט —

אויך טרעפט אז דיין לעבען ווערט א פייער־

הונדערט איינס

פאַרן מאָרגנשטערן

פלאַם, וואָס ברענט און פאַרברענט אלץ אין זיין וועג — — —

טאָ ווער וועט מיין לעבן איבערגעבן אין דער ווערים־מלוכה ווען איך הער ווי דער מאָר־גענשטערן זינגט און די ערשטע פריהמאָרגען שטראַלען שמייסען מיין ליב?

צינדען מיין ליב און באלייכטען מיין לעבען — —

שרעק

ברייטער עפען אויף די טירען, אויב דיין שטוב איז מיט שרעק אָנגעפילט. ברייטער עפען אויף דאָס האַרץ, אויב דיין האַרץ איז מיט פּחד פול געוואָרען.

נים פון דרויסען זענען זיי אָנגעקומען די שאָטענס און פול געמאַכט אלע ווינקעלאך אין שטוב — פון יעדען ווינקעלע אין שטוב זענען זיי ארויסגעקוואָלען און ביז צום שוועל דער־גרייכט. נים פון דרויסען זענען אָנגעקומען שאָטענס און זיך צולעגט אין אונזער האַרצען — פון אלע ווינקעלאך פון אונזער נשמה איז דער פּחד ארויסגעקומען און זיך צושפּריים איבער אונזער וועזען.

הונדערט דריי

פארן מארגענשטערען

ווער עס קען זיך איבערגעבען דער שטילקייט, ער קען זעהן די ליכט־שטראָמען, וואָס ציהען דורך דער נאַכט, אָבער דער, וואָס שטעהט מיט'ן פנים צו דער וואַנט, — פאר איהם איז דער טאָג א פינסטערע נאַכט און זיין האַרץ איז די היים פאר יסורים און פחד.

עס האָט א קינד זיך געשפּילט מיט פייער און איז געשטרויכעלט געווארען — האָט עס מורא געקראָגען פאר דעם שיין פון פייער. אָבער דער שמעטערלינג, וואָס פלאַטערט ארום א פלאַם, ווערט געשטרויכעלט און, ביז זיינע פליגלען זענען אינגאַנצען ניט פארברענט געווארען, טראָגט עס איהם אלץ נעהנטער צום פייער.

— האָבען מיר אין לעבען אויסגעקליבען דעם וועג פון קינד, אָדער דעם וועג פון שמעטערלינג? אָדער אפשרביידע וועגען צוזאמען?

— ניין. ווער עס קען זיך שפּילען מיט

פייער, דער קען ליכטיג מאַכען זיין וועלט. אָבער דער וואָס ווערט פאַרברענט אין זיין אייגענעם פלאַם, דער וועט ניט באַלייכטען דאָס לעבען ארום זיך.

דער וואָס שטעהט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט וועט פיהלען דעם שטורם, וואָס דערנעהנטערט זיך צו איהם, ער וועט אָבער ניט וויסען ווען דער לעצטער שטערן האָט זיך אויסגעלאָשען אין הי־מעל.

עס איז דער, וואָס שטעהט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט אין פארלויף פון זייבע געצעהלטע טעג אין לעבען, אונטערטעניג צום פּחד, וואָס איז דער הערשער אויף זייבע געצעהלטע טעג. און דער־ריבער זענען די טעג פון זיין לעבען געצעהלטע. עס איז דער, וואָס שטעהט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט און הערט זיך צו צום שטורם־ווינט, וואָס דערנעהענטערט זיך, און ער קאָרטשעט זיך און

ציהט די הענט בלינדערהייט צו אימיצען, וואָס זאָל דעם שטורם־ווינט פון איהם אפּקעהרען.

— זאָל ער זיין פּנים צום שטורם ווענדען!

דער שטורם טראָגט דעם שטויב און וויר־בעלט איהם אין לופטען, טראָגט בלעטער טויטע, אַראָפּגעפאלענע פון די בוימער, און שלאָגט ער זיך אָן מיט זיין ברוסט אָן א פעלז, ווערט זיין ברוסט צוריסען. עס קען דער שטורם מיט׳ן מענשענס מעשים זיך פארמעסטען, אָבער נים מיט דעם מענשענס פעלזען־האַרץ, ווען זיין פּנים איז צום שטורם געווענדט.

דער בלינדער רעגענוואָרעם, ווען ער גראָבט זיך אין דער ערד און דערשפּירענדיג אימיצענס ריר אויף זיין בלינד לייב, גראָבט ער זיך נאָך טיפער אין דער פינסטערניש אריין. און אזוי איז דער, וואָס שטעהט מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט אין די געצעהלטע טעג פון לעבען און לאָזט די

שרעקען צו זיין נאַקען זיך דערנעהנטערען, פו־ליענדיג זיך אלץ נעהנטער צו דער פינסטערער וואַנט.

עס איז דער, וואָס איז צום טויט פאר׳משפּט, דערשפּירענדיג די שווערע האַק וואָס פאַלט אויף זיין נאַקען, בויגט ער זיין קאָפּ נידעריגער, ווי־סענדיג, אז די האַק וועט דאָך זיין נאַקען דער־גרייכען.

— זענען מיר צום טויט פאר׳משפּט׳ע, וואָס מיר בויגען דעם קאָפּ נידעריגער און נידערי־גער, ווען שרעקען דערנעהנטערען זיך?

און אפשר האָט מען אונז א מעסער געגע־בען אין האַנט אריין און אונזער אייגענע האַנט באַדאַרף דאָס מעסער איב׳ם אייגענעם נאַ־קען אריינשניידען?

וואָס איז די שרעק, אויב מיר זענען די שופטים איבער אונזער אייגענעם איך? וואָס איז

פאַרן מאָרגנשטערן

דער פּחד אויב מיר זענען פאַר׳משפּט׳ע, אליין
פון זיך גע׳משפּט?

* * *

ווער עס קען זיך שטעלן פאַרנאַכט און קוקן ווי די זון פארגעהט, דער קען רוהיג שטעהן ביים בעט פון א גוסס. און דער וואָס זעהט ניט די שענקייט פון א זון־אונטערגאַנג, ער זעהט ניט די גרויסקייט פון דער לעצטער רגע.

צוליב דעם פּחד פאר זונאונטערגאנג האָבען אַמאָליגע מענשען געטער זיך באַשאַפען און צוליב דער שקיעה פון אונזער לעבען האָבען מיר באַשאַפען דעם גאָט פון שרעק.

ווער עס קען שטעהן אין פריהמאָרגען און וואַרטען אויף זונענאויפגאַנג און זיין האַרץ איז אָפען פאר דערהויבענקייט און ליכטיגער שענ־

שרעק

קיט — דער קען שטעהן ביים צוקאָפּענס פון אַ מוטער, ווען א לעבען דאַרף קומען אויף דער וועלט. געדענקען מיר דאָך ביי דער שקיעה וואַרטענדיג, אז מיר האָבען א באַגינען באגעגענט, און די נשמה האָט אזוי ברייט ארויסגעהויכט אנטקעגען דעם פריהמאָרגען; געדענקען מיר דאָך ביים נייעם פריהמאָרגען די עהרליכקייט פון דער לעצטער שקיעה — און פאר וואָס שפּרייט זיך אזוי ברייט די שרעק צווישען אונזער אייגענעם זונענאויפגאַנג און אונזער אייגענער שקיעה?

צו אמאָליגע מענשען האָט זיך גאָט באוויזען אין דער שקיעה — פאַר וואָס זעהן מיר ניט דאָס גרויסע ליכטיגע לעבען אין אונזער אייגענער שקיעה?

ווען דער גוסס שעפּטשעט, צום לעצטען מאָל די וועלט באַטראַכטענדיג:

הונדערט ניין

פארן מארגנשטערן

— נאַריש איז דאָס לעבן, נאַריש איז די וועלט —

זענען עס בלויז די לעצטע בישטיגע ווערטער, וואָס ש ר ע ק האָט איהם אין אויער אריינגערוימט, יעמאָלט ווען ער איז מיט'ן פּנים צום וואַנט געשטאַנען. זענען דאָך אָבער ביט די ווערטער, וואָס זאָגען אונז אזוי פיל און זאָגען אונז אַזוי ווינציג, — איז דאָך דאָס גרויסע שווייגען ארום זיין גסיסה, וואָס רעדט גאָרנישט און זאָגט אונז אַזוי פיל. איז דאָך דאָס גרויסע שווייגען אין זיין לעצטער רגע. ווען דער זונענאויפגאַנג ליימערט זיך אוים איבער זיין קאָפּ.

האָט זיך אָבער פּחד א בעט אויסגעבעט. צווישען אונזער געבוירען ווערען און דער גרויסער שקיעה. עס ווערען מעהר קיין געטער ביט געבאָרען, און די וואָס זענען אויפגעקומען

שרעק

אין צייטען גאָר אַלטע, און האָבען פון שענקייט גערעדט, פון ליכטיגקייט און עהרליכקייט געוואונקען — אָט די געטער זענען אויך פון דעם מענשענס פחד געוואָרען געפאַנגען, און אין געפענגניש פאר דער צייט אויבציגווייז אויסגעשטאָרבען.

און געהן מיר אויף די קברים פון יענע געטער, — געהן מיר אויף קברים פון אונזערע וועג. און געהן מיר אויף דעם וועג פון אונזער לעבען, — קוקט דער פחד פון אלע ווינקעלאך צו אונז אַרוים.

פון אונזער הארצען האָט דער פחד זיך ארויסגעשלייכט און זיך באזעצט ביי די זייטען פון אונזער לעבענס־וועג...

הונדערט עלף

רייד

רייס ארויס דיין צונג פון האַלז ווי מען רייסט גראָזען ווילדע פון א בלומען־בייט, אויב דו קענסט ניט באַהאַלטען דייגע ווערטער אין דער שעה פון דיין אייגענעם אונטערגאַנג, אין דער שעה פון דיין אייגענער תחיה. עס האָבען זיך ווערטער און רייד אויסגעבעט אויף אונזער וועג ווי די שאַרפע, שפיציגע שטיינער אונטער אונזערע טריט.

עס טרעפט, א מענש פארהענגט מיט פאר־האַנגען זיינע פענסטער, מיט דעם אָפּצושיידען וועלט פון וועלט. פאַראַן א צייט, עס הערט זיך צו א מענש צום קלאַפּען פון זיין האַרץ און אזוי

רייד

פיל וואונדער קוקט ארויס פון זיינע אויגען, אזוי פיל שטילקייט רוהט אין יעדען קנייטש פון זיין צוקנייטשטען פנים. און דאָס האַרץ וואָס האָט פון זיינע אויגען שטענדיג ארויסגעוואונקען, ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזען זיין וועלט אונטער׳ן מוטער־האַרץ, זיין אייגען האַרץ, וואָס קלאַפּט איהם אויס מיט זיין אייגענעם האַמער דעם סוד פון זיין גרויסען לעבען, — איז איהם פרעמד גאָר זיין אייגען הארץ אין דער שעה פון אונטערגאנג, אין דער שעה פון זיין אייגענער תחיה — ווייל רייד און ווערטער האָבען זיך פארמויערט צווישען איהם און זיין אייגען האַרץ.

קלאַפּען קלאַפּט דאָס האַרץ אין דער ליבעס אָרעמס.

קלאַפּען קלאַפּט דאָס האַרץ ביי דעם וואָס אײלט צום העכסטען באַרג דערגרייכען.

הונדערט דרייצען

פארן מאָרגנשטערן

קלאַפּען קלאַפּט דאָס האַרץ אויף דיין שטילען געלעגער און אויך ביי דעם שוועל פון טויט און לעבען קלאַפּט דאָס האַרץ שטאַרקער, שטאַרקער. און פאַרוואָס איז פרעמד צו אונז דאָס האַרץ ווען עס איז אויף אונזער וואַך? ווען עס רופט צו אונז פון דער וואַך?

זענען אונזערע רייד פאַרשאָלטען צו זיין! נע־ונד און גאַרניט באַניי׳ען און קיינעם ניט באַפרוכפּערען און אונזער האַרץ זאָל בלוטיגען אין אַ פינסטער ווינקעל. —

איך האָב געזעהן אַ האַרץ וואָס האָט געקלאַפּט, אַז מען האָט עס צו די הינט געשלידערט, און אויך דאָס האַרץ פון דער קאַלטער פראָש הערט ניט אויף צו קלאַפּען, כאָטש אויף שטיקער איז די פראָש צושניטען — פאַר וואָס צעהלסטו און ברענגסט אין סדר דיינע ווערטער און לאָזט דאָס האַרץ אין דער פינסטער ליגען

הונדערט פערצן

און זיך וואַרגען מיט בלוט און פּיין?

איך קוק צום לעבען פון די וואָס פאַרטאָגען ניט קיין ווערטער און פאַרמאָגען אָבער א האַרץ. איך קוק צו די, וואָס מיר האָבען געשפּאַנט אין אונזער שפּאַן. איך קוק צו די וועמעס פלייש מיר עסען און וועמעס מילך מיר טרינקען; וועמעס וואָל מיר שערען; וועמעס פעל מיר שינדען און וועמעס הייסע בלוט עס רינט איבער אונזערע בלאַסע פינגער, — איך קוק צו זיי און זייער שווייגען און טראַכט אליין ביי זיך:

— וואָלטען אונזערע ווערטער כאָטש געווען ווי מיסט וואָס מאַכט דעם מאָגערען פּאַס ערד פעטער; אָדער וואָלטען זיי געווען ווי דער שטילער, קילער רעגען אין א הייסען תמוז־טאָג, — זאָגען זיי אָבער דער שטויב וואָס פאַרשטעלט די שיין פון אונזער שווערען לעבענס־וועג; זע־

פאַרן מאָרגנשטערן

גנען זיי ווי שפּינוועבסען וואָס טראָגען זיך אין אָסיען אַהן א ציל און אָהן באַטייט.

* * *

אז דו ביסט ווי יענער שטיין, וואָס ליגט אין פעלד ארום מיט גרינע גראָז באוואקסען און פאַרזונקען אין שטילען שוויגען, — אין יענער לעבענס־רגע קומט די גאולה צו דיין שוועל.

און ווען עס שוימט דער וויין אין בעכער און עס זענען אויסגעטריקענט דיינע ליפּען, באַדאַרף מען דען דעם וויין אויסגיסען? און ווען עס גראָבט א האַנט א גרוב א טיפע פאר מיין שוועל, באדארף איך יענע האַנט אָפּהאַקען? און ווען מיין האַרץ עס צילט צו מערב, זאָל איך צו דרום שיקען מיינע רייד?

איך באַדאַרף מיין הויז ניט בויען וואו עס גראָבט א האַנט אויס גריבער, און עס קען דער

רייד

ווייַן אין בעכער שוימען אויב גאַל און סם רויכערען זיך אויף מיינע ליפּען, און זאָל דאָס וואָרט פאַרטיליגט ווערען אויב עס האָט זיך איינגעמויערט צווישען לעבען און מיין האַרץ.

איך האָב געזעהן אָט די, וואָס האָבען סם געטרונקען און א רויטער שוים האָט זיך גערויכערט ארום די ליפּען.

איך האָב געזעהן א קאַלב גע׳שחט׳ען און א רויטער שוים האָט זיך ארויסגעשוימט פון דער רויטער, רויער וואונד.

איך האָב געזעהן א בוים און זיין האַרץ אויף צווייען פון א בליץ צושפּאָלטען אין דער לענג און אויך א קאָרן־פעלד ווען האַנט און סערפּ האָבען די תבואה ביי דער ערד געשניטען. עס האָבען זיך געשפּיגעלט אין מיינע אויגען בלוט און סם און וואונד און סערפּ, — האָב איך באַדאַרפט זיך לאָזען מיט מידע פיס איבער גאַ־

פארן מאָרגנשטערן

סען, איבער מערק קלייבען רייד פון גאַס און מאַרק?

ווען עס פאַלט דער טוי אויף גריגע לאָנקעס אין א זומער־נאַכט; ווען עס רוהט אַ וואָלקען אויפ׳ן העכסטען שפיץ פון דיינע פעלזענבערג — אויף איין וועג באַגעגענען זיך טוי, וואָלקען און אונזערע שטילע טרערען.

לאָמיר צונויפנעמען אלע אונזערע רייד פאר א גאַנצען טאָג.

— ניין. מיר געדענקען ניט אונזערע רייד. נישטיג זענען געווען אונזערע רייד און זענען פארשוואונדען געוואָרען, ווי נאָר זיי האָבען זיך פון די ליפען אראָפגעגליטשט.

לאָמיר צונויפנעמען דעם האַרצענס־ציטער, וואָס האָט באגלייט אונזער שווייגען אין פאר־לויף פון גאַנצען טאָג.

— ניין. די משא וועט זיין צו שווער. מיר

וועלען אליין אונטער אונזער משא קניהען, ווייל אונזער שווייגען איז ביי טרויער א קנעכט און אונטער דער משא וועלען מיר צובראָכען ווערען.

ווער וועט ביי אונז די רייד צונעמען און אונזער שוויגען ליטערען?

זאָלען זיך זונען שפּיגלען אין אונזער שוויי־גען און ווי א ליכטיגער געזאַנג זאָלען אונזערע שטילע וועלטען ציהען דורך אונזער לעבען.

עס האָט א מענש געבויט א הויז פון האָלץ און איז אליין געווען דער בויער און אויך דער עדות ווען זיין הויז איז פארפוילט געוואָרען און א שטויב האָט זיך פון דעם געשטויבט. עס איז אָפּטמאָל אויך דער מענש אן עדות, זעהענדיג ווערים וואָס האָבען זיך א היים געמאַכט אונטער א שטיין אין פעלד. ער איז אויך דער עדות ווען עס האָט א צאָהן זיך אויסגעשניטען ביי זיין

פארן מאָרגענשטערען

קינד אין מויל און איז אויך א שטומער עדות זעהענדיג ווערים טאַטשען זיך אין מח פון זיין אייגען קינד — לייב און פלייש און בלוט און מאַרך פון איהם אליין.

— באדארף ער ווערטער אין א שעה פון אונטערגאַנג, פאר א שעה פון גאולה?

ביהנען זאַמלען צווישען בלומען זייער האָניג און אין טויטען לייב פון קינד האָבען זיך פאַרזאַמעלט ווערים.

עס איז דאָס קליינע פליגעלע גרויס, דערהויבען, ווען עס רוהט אויפ'ן שפיץ פון גראָז אין דער צייט פון שקיעה — און עס איז קלענער ווי די פליג דער לייב, ווען זיין האַרץ און ציין און נעגעל באָדען זיך אין בלוט פון רויב.

און עלענד איז די וועלט אין דעם רינג פון אונזערע רייד.

הונדערט צוואַנציג

רייד

עס וואַרגט זיך דאָס האַרץ אין אייגענעם
בלוט ווען עס פלעכט אונזער צונג א קראַנץ פון
ווערטער און רייד.

הונדערט איינאונצוואנציג

אונזערע טריט

וואַרט, ניט יאָג אזוי, מיין ברודער! האָסט א ווערימעל א קליינס צוטראָטען, וואָס איז גע־קראָכען אויף דיין וועג! זעהסט, ליכט־פלעקען האָט די זון צושאָטען נעבען דיינע טריט...

עס איז דער וואָרים, עס איז די ליכטיג־קייט, —ביידע זענען ארויסגעקומען באַגעגע־נען דיינע טריט און דו האָסט דיינע אויגען צו זיי ניט געווענדעט.

וואַרט, ניט יאָג אזוי, מיין ברודער! הערסט? א טרויער־ליד ציהט פון ביידע זייטען וועג. מאַן און פרוי ביידע זינגען זייער טרוי־ער־ליד. דער וועג צוטיילט זיי ביידען, אָבער

אונזערע טריט

זייערע יאָמער־לידער האַלזען זיך און פאַרקני־פּען זיך און באַגלייטען דיינע טריט.

וואַרט, ניט יאָג אזוי, מיין ברודער! בייזע גרעבער זענען ארויסגעקומען מיט שווערע ריד־ליעס און זיי גראָבען דאָרט א גרוב אויפ'ן רעכ־טען מיטען וועג. וועסט די גרוב ניט אַריבער; וועסט די גרוב ניט אויסמיידען...

וואַרט, האָסט א שטוב געבויט, געשניטען פענסטער, טירען נאָך דיין אייגענעם פאַרלאַנג און האָסט געלאָזען ווערים זאָלען זיך פאַרקלייבען אונטער דיין פונדאַמענט!

דאָרט זענען ניט קיין ווערים, נאָר עס שטויבט זיך שוין דער שטויב פון דיינע באַל־קענס; דאָרט זענען ניט קיין ווערים, נאָר דיין בנין איז שוין קרום און אויסגעבויגען.

— עס איז דיין שטילער טרויער, וואָס האָט זיך פאַרקליבען אונטער דיינע פונדאַמענטען; עס

פאַרן מאָרגנשטערן

זענען דײַנע טרערן, וואָס וואַשען אונטער דײַנע גיטער.

קומט די נאַכט און א שאָטען שפּרייט זיך אויס ביי דיין שוועל. איכ'ם שאָטען האָט א מכשף זיך פאַרטייעט און לעגט א כשוף ביי דיין שוועל, אז פרעמד זאָל דיר זיין דיין אייגען ווינקעל. ביי דיין שוועל לעגט זיך יעדער טאָג א ליכטיגער פלעק, ווי אן אויג פון א קליין קינד. אין דעם ליכט קומט זיך שפּיגלען דיין מזל בלויז איין רגע יעדען טאָג, און דו מיידסט אויס דאָס ליכט, וואָס ביי דיין שוועל. מיידסט אויס דיין אייגען מזל. באַגעגענסט זיך מיט איהם שפּעטער אויף א שייד־וועג. באַגעגענסט זיך מיט איהם ביים ראַנד פון דיין אייגענער גרוב.

וואַרט, ניט יאָג אזוי, מיין ברודער! אימעץ רופט דיך ביי דיין נאָמען און האָסט אליין דיין

אונזערע טריט

נאָמען לאַנג פארגעסען: עס רופט דיך דאָס קליינע ווערימעל, וואָס דו האָסט צוטראָטען אויף דיין וועג. עס איז ניט אומגעקומען, כאָטש דיינע פיס האָבען עס צוטראָטען. געוואָרען איז דאָס פאַרוואַנדעלט אין א בייזער שלאַנג און רופט דיך ביי דיין אייגענעם נאָמען. געוואָרען איז דאָס פאַרוואַנדעלט אין א ברענענדיגען עקדיש און יאָגט דיר נאָך און שמעקט דיינע טריט און שפירט נאָך דיינע טריט.

וואַרט, ניט יאָג אזוי! עס איז דער ליכטפלעק, וואָס דו האָסט אויסגעמיטען — עס איז די זון אליין געווען, זיך פארשטעלט פאר א קליי־ליכטיג פינטעלע, זיך פאַרטייעט ביי דיין שוועל און דו האָסט עס ניט באַמערקט.

* * *

טאָג צו טאָג רופט און שרייט:

— לאָמיר זיך נעמען האַנט ביי האַנט און

פארן מארגענשטערען

פארצאמען דעם וועג פון מענשען, וואס לויפט
אזוי פארשייט, טראגט זיך אזוי ווילד, לאזענדיג
זיין ליכט הינטער זיך.

טאג צו טאג רופט און שרייט:

— לאמיר זיך נעמען האנט ביי האנט און
באשאפען א רינג, דער מענש זאל ניט פארשטעמען
דעם טיש, וואס מיר האבען פאר איהם געגרייט,
מיט אזוי פיל רחבות באפוצט, מיט אזוי פיל
מתנות באצירט.

נאכט צו נאכט רופט און שרייט:

— לאמיר זיך נעמען האנט ביי האנט און
שליסען א רינג, ניט לאזען דעם מענשען זיך
טראגען אזוי ווילד נאך די טריט פונ'ם ווינט.
האב איך באדארפט דעם הימעל איבער זיין קאפ
מיט שטערען אויספלאסטערען, ווען זיין קאפ
איז געבויגען און זיינע אויגען פארטרערט!

נאכט צו נאכט רופט און שרייט:

הונדערט זעקסאונצוואנציג

— לאָמיר זיך נעמען האַנט ביי האַנט און שליסען א רינג ארום דעם מענשען ער זאָל זעהן דאָס בעט וואָס מיר האָבען פאר איהם אויסגעבעט און די חלומות, וואָס מיר האָבען געשפונען ארום זיין צוקאָפּענס.

שעה צו שעה ווינקט און רופט:

— לאָמיר זיך נעמען האַנט ביי האַנט און שליסען א קיוּם און פארשליסען דעם מענשען, וואָס האָט אונז באַשאַפען; פארשטעלען דעם וועג אונזער פאָטער, וואָס טראָגט זיך מיט א פארשלאָגענעם אָטעם, לאָזענדיג זיינע קינדער הינטער זיך.

רופט איין רגע און ווינקט צו דער אנדערער:

— אָט אזוי האָט ער אונז באַשאַפען, אָט אזוי האָט ער אונז אָנגעצונדען, אז מיר זאָלען ברענען, ברענען און ווערען פארברענט אין אונ-

פארן מאָרגנשטערן

זער אייגענעם פייער; מיר זאָלען לייכטען, לייכ־
טען און ווערען פאַרבלענט אין דעם אייגענעם
פייער.

רופט איין רגע צו דער אנדערער:

— מיר טראָגען אזוי שווער אונזער לאַסט:
מיר טראָגען זיין גאַנץ לעבען אויף אונזער
האַנט און דער טאָג זיינער איז אזוי לער און
וויסט, און ער יאָגט נאָך זיינע טעג אזוי לער
און וויסט און מיידט אויס זיין אויגענבליק
אזוי ליכטיג און אזוי צאַרט. אָט איז איין
פינטעל מיט זיין אויג, אָט איז איין קלאַפּ פון
זיין האַרץ — און ער צעהלט זיינע טעג אזוי
וויסט און אזוי לער.

און אין הארצען טיף — נאַכט מיט טאָג
זיי האָבען זיך באַגעגענט, זיך ארומגענומען און
זיי וויינען און זיי לאַכען איינער אין דעם אנ־
דערנס אָרעמס.

הונדערט אכטאונצוואנציג

אונזערע טריט

און עס ווייזט און עס לאַכט דער מענש
מיט זיי ניט ווימענדיג דעם באַטייט פון זיין
לעבען, ניט פילענדיג דעם סוד פון זיין זיין,
ניט פילענדיג דעם באַטייט פון זיינע טריט.

הונדערט ניינאונצוואַנציג

צווישען וועלטען

דער ווידער־קול אין די בערג קומט אָן פון אַלערליי זייטען און רופט אויס דיין נאָמען.
דער ווידער־קול אין די בערג וויל דיין האַרץ פאַרפיהרען רופענדיג פון אַלע בערג־שפּיצען.
כאָטש איינער בלויז האָט דיין נאָמען אויסגע־רופען. אָבער וואו איז ער, דער איינער?

ווייסטו ניט.

ווען דו אַליין רופסט אויס דיין נאָמען, קומט דער ווידער־קול צו דיר פון אַלע בערג־שפּיצען, און גלויבסט, אַז ניט אַליין ביסטו דאָ צווישען וועלטען פון פעלז און שטיין.

דאָס איז אַ ווידער־קול פון דיין אייגענעם

צווישען וועלטען

רוף, וואָס דערטראָגט זיך צו דיר אויף דיין וועג צווישען וועלטען. דיין זיפץ און דיין געוויין. דיין אייגענער איך איז צושפליטערט געוואָרען און זיך באַהאַלטען צווישען די בערג און מאַכט נאָך דיין רופען. דאַריבער כאַפּט ארום די נשמה אַזאַ צאַרטער ציטער, אין דער פאַרנאַכטיגער שעה, ווען דיין אייגענע שטימע רופט צו דיר פון אַלע זייטען.

אהינטער זיבען בערג־שפּיצען האָסטו אויפגעשטעלט זיבען מזבחות און ביי יעדען מזבח שטעהסטו אליין און ביסט מקריב דיין האַרץ.

ווען מיר רירען זיך אָן צום ערשטען מאָל מיט אימעצען האַנט־אָן־האַנט, ווערען אָפּגעווישט די גרעניצען צווישען אונז און פרעמדען. האָט דער פרעמדער זיך פאַרקליבען שטילערהייט צו וואוינען אין א ווינקעל פון דיין האַרצען, רעדט דער פרעמדער מיט דיין שטימע און פארטרייט

פארן מאָרגנשטערן

דיר סודות פון א לעבען ערגעץ וואו אין ווייטע וועלטען.

עס האָט דער פרעמדער א שטיק פון דיר אליין מיט זיך פארטראָגען, און ערגעץ וואו, אין וועלטען פרעמדע, וועלטען ווייטע האָסטו פאַרפלאַנצט דיין זיין.

די פייער־פליגעלאך, וואָס טראָגען זיך פאַרביי אין די הייסע זומער־נעכט און ווערען פארשוואונדען; די פייער־ווערימלאך, וואָס שלייבען זיך צווישען די טוי־באַדעקטע גראָזען — מיט זייער קאַלטען ליכט וועקען זיי די נאַכט, צינדען זיי די נאַכט. און ווען שטערען רייסען זיך פון הימעל און ברענגען זיך אליין פאר א קרבן צו דער נאַכט, ציטערט דאָך אויך אונזער האַרץ, שפּילענדיג זיך מיט געפאַלענע שטערען.

— אונזערע אייגענע שטערען רייסען זיך

צווישען וועלטען

פון אונזערע הימלען און ווערען אין אונזערע אָפּגרונטען פאַרלאָשען.

אזוי איז אונזער שטימע, וואָס האָט זיך פון אונזער האַרצען ארויסגעריסען.

רופט צו אונז פון ווייטען, כשופ'ט אונז פון ווייטען.

* * *

אונזער אייגענער איך, וואָס לאָזט זיך אוועק בלאָנדזשען אין ווייטע ווייטקייטען, באַשאַפט די אומרוהיגקייט פון אונזער לעבען. ווייל דער מענש זיין דער האַר ביז צום אָרט וואו זיין בליק האָט פאַר איהם אָפּגעצייכענט, ניט באַגרייפענדיג זיין אייגענע ממשלה.

עס ווינקען צו איהם זיינע גיטער און ער וויל זיי ניט דערקענען; קען זיי ניט דערקענען.

קומען צו איהם קינדער פון ווייטען און

פארן מארגענשטערן

קלאפען אין זיינע טירען; און זיין אייגענע שטימע דערקענט ער ניט.

האט דען ווער געצעהלט די שטערען אין הימעל און געזאגט:

— איבער אזוי פיל שטערען בין איך האר און הערשער און זיי שיינען צוליב מיין תענוג!

האט דען ווער געוואויגען די פריהלינגס־שטראלען און געזאגט:

— אזוי איז די מאס פון מיינע ליבטיג־קייטען און דאס איז די וואג פון מיין לויטער־קייט!

געהט דער מענש ארום מיט וואג און מאס אין האנט און ברענגט אין א סדר זיינע שרעקען און זיינע טרערען: הורבעט אויף א בארג פון חושך — ירושות פאר די קינדער. ציהט א שכור, אזוי גרוי און אזוי קאלט, צווישען וועל־טען וואס זענען מיינע אין עהרליבקייטען, וואס

געהערען צו דער מילב אין זאַמד, צו דער פליג אויף מיינע שויבען, צו דער ביהן אויף מיינע בלומען, אָבער ניט צו מיר — מענש.

ער דערקענט ניט זיין אייגענע שטימע, וואָס האָט זיך פאַרטאַיעט אהינטער זיבען בערג־שפּי־צען און רופט צו איהם פון זיבען אלערליי זייטען.

די רחבות, ארום דעם מענשען, מאַכט איהם ענג און טרייבט איהם צו זוכען אין זאַמד זיינע אייגענע טריט. די לויטערקייט פון טאָג דעקט אָפּ פאר איהם צופיל פון זיינע גיטער, ברענגט ער זיי אין א סדר, פאַרצאַמט מיט צאַמען, ארומגע־צייכענט מיט א גרויען לעבענס־שנור.

איז געקומען צו דיר א פרעמדער און האָט אַנגערירט דיין האַנט, אַנגערירט דיין לייב.

איז דער פרעמדער שוין אוועקגעגאַנגען און די פיהלסט נאָך אלץ זיין נאָהנטקייט. און קענס־

פארן מאָרגנשטערן

טו מעהר ניט פארשמידען איהם אין דיינע קורצע אָרעמס, שיקסטו נאָך דיין געדאַנק נאָך איהם; עס טראָגט זיך ווייט אוועק דיין האַרץ נאָך דעם פרעמדען, וואָס האָט איינמאָל בלויז אָנגערירט דיין האַנט. און רעכענסט דאָך צו דיין עשירות יענעם ריר פון פרעמדענ'ס האַנט, וואָס איז אמאָל אויף דיינע וועגען דורכגעגאַנגען.

— איז דאָס די גרויס פון דיין פאַרמעגען?

— איז דען ניט דער ווינט, וואָס איז גע־קומען פון מזרח, מערב, צפון אדער דרום און אָנגערירט די האָר אויף דיין קאָפּ, זיך אוועק־געטראָגען — איז דען ניט דער גרעניץ דיינער ווייט, גאָר ווייט, וואו עס האָט דער ווינט זיינע ווייטע גרעניצען?

האָט דער ווינט די ברעמען דיינע אָנגערירט, כדי דעם עלענד דיינעם וועקען און ענגער שלי־סען דעם רינג ארום דיר?

הונדערט זעקסאונדרייסיג

צווישען וועלטען

ווער עס דערקענט ניט זיין שטימע צווישען זיבען ווידער־קולות — דער דערקענט ניט זיין אייגענע האַנט, וואָס בויט דעם צאַם פאַר זיין טיר.

איהם וועלען ווינטען געפינען ווייגענדיג הינטער זיין אייגענעם צאַם, אהינטער זיין אויגענער טיר.

דורך בלינדע וועגען

באַהאַלט דיין קאָפּ אין די שענקייטען, וואָס לייכטען נעבען דיינע פּיס, אויב דיין האַרץ איז געוואָרען א היים פאר יסורים. שטרעק דיין האַרץ אויס צו די הימלען, און זאָלען די הימלען בענשען דיין בלוט און באַשענען מיט זייער לויטערקייט. —

פאַראַנען שטראָמען, וואָס טראָגען זיך צוויי־שען בערג און מדבריות. פאַראַנען שטראָמען, וואָס האָבען זייער וועג דורך דער טיפעניש פון ים'ען. פאַראַנען שטראָמען, וואָס ציהען דורך אונזער בלוט און עס קאָן דאָס בלוט ניט פאַר־שטעלען זיי דעם וועג.

הונדערט אכטאונדרייסיג

דווד בלינדע וועגען

טרעפט דאָך, אז שטראָמען מיט שטראָמען באַגעגענען זיך און איינער ווערט זייער וועג; זייער געלויף ווערט פאַרדאָפּעלט. אזוי איז אונזער בלוט, ווען דאָס באַגעגענט זיך מיט א ליבטיגען לעבען; ווען דער ליכטיגער שטראָם ווערט א חבר צו אונזער בלוט.

די עלטער באַצירט איהר קאָפּ מיט גרוי און געהט טריט ביי טריט איהר וועג; די יוגענד, מיט א שטראַלענדיגען פּנים, קוקט איהר נאָך טרעפט, אז די עלטער ווענדט אום די אויגען צו דער יוגענד'ס שיינענדיגען פּנים, קוקט צום חלום, וואָס אין דער יוגענד'ס אויגען. אָבער צווישען יוגענד און צווישען עלטער, טראָגט זיך א שטראָם אין ווילדען גאַלאָפּ, פאַרטראָגענדיג זייערע ביידענס חלומות; פאַרטראָגענדיג וועלטען, וואָס זענען פאַר זיי ביידען געווען געגרייט.

ווייל נאָך ניט זאַט איז געוואָרען אונזער

פארן מאָרגענשטערן

ברייטער ים, וואָס טראָגט אונזערע חלומות־שיפען אויף זיינע כוואַליעס. שטראָם נאָך שטראָם קו־מען צו זיינע אָרעמס, און זיין האַרץ איז נאָך אַלץ ניט געוואָרען פול. ציהט אהין אויך אונזער בלוט און זוכט צווישען שטראָמען א וועג פאר זיך.

און ווען מיר זאָלען נויגען אונזער אויער צו אונזער איינען בלוט, וואָס ווערט געטריבען פון אונזער אייגען האַרץ, וועט דאָך יעמאָלט גרינגען דער מדבר פאר אונזערע אויגען; אין דער מדבר וועלען מיר אונזער וועג דערזעהן.

אונזער גומען פארטראָגט ניט קיין ביטער־קייטען, יסורים פארטראָגט ניט דאָס האַרץ. פון צופיל ליכט ווערען די אויגען פארבלענדט — אָבער צי דען באַדאַרף מען ברייט אויפעפענען די אויגען דאָס לעבען צו באַגעגענען?

איז דאָך אונזער האַרץ, וואָס געהט דעם

דורד בלינדע וועגען

ליכטיגען שטראָם באַגעגענען, איז דאָך דאָס האַרץ, וואָס זעטיגט זיך אָן מיט ביטערניש איבער די ראַנדען.

אונזער נשמה — די גרויסע אויג, וואָס איז טויזענד וועלטען פאראויס געלאָפען, דעם ליכטיגען שטראָם צו באַגעגענען!

געוועזן אזוינע דורות, וואָס האָבען אין לעבען געמאַכט א וועג פאר'ן טרערען־שטראָם; האָט אָבער קיין איינ־און־איינציגער בוים ניט געגרינט ביי זיינע ברעגעס; האָט קיין איינ־און־איינציגע בלום ניט באַצירט זיין וועג. אויף איהם האָט דער בייזער ווילען זיינע זעגלען אויסגעשפרייט. אויף זיינע כוואַליעס זענען געשטאָרבענע פאַרלאַנגען געטראָגען געוואָרען. ביי זיינע ברעגעס איז א קינד געזעסען און באַקלאָגט זיין מאַמען; דאָרטען איז געזעסען א מוטער און באַקלאָגט דעם ליכטיגען טאָג — דאָרטען איז

פאַרן מאָרגענשטערען

געזעסען דער בייזער ווילען און פארביידען טרויער־לידער אויסגעפלאָכטען — טרויער־לידער וואָס וועקען אונז אין באַגינען; באַגלייטען אונז צו אונזער רוה.

* * *

איך קוק צו די, וואָס וואַרפען זיך אין טרערען־שטראָם צו לעשען זייער פייער; ווילען לעשען זייער ליוב מיט טרערען, ווען עס האָט פון תאוה אויפגעפלאַקערט.

— ל י י ב, פ אַ ר ל אַ נ ג א ו ן ט ר ע־
ר ע ן —

א זומפּ, וואו זונען ווערען איינגעזונקען; וואו זונען ווערען אויסגעלאָשען. איז דאָך אונזער לעבען מיט אזוינע זומפּען ארומגערינגעלט. איז דאָך אונזער לעבען אין יענע זומפּען איינגעזונקען.

ל י י ב, פ אַ ר ל אַ נ ג א ו ן ט ר ע ר ע ן —

דורך בלינדע וועגן

פון זיי דרייען האָט דער מענש א שטריק געפלאָכטען, ארום זיין האַלז געוויקעלט, ווערט דערשטיקט. ציהט די הענט און בעט דערלייזונג. אָבער דער, וואָס האָט זיין ליב פאַרברענט אין תאוה־פייער, ער וועט דורך טרערען זיין קרבן ניט היילינען. ער וועט צום טרערען־שטראָם זיין ליב פאר א קרבן ברענגען.

ווייל אין דער פינסטער ווערט דער פאַרלאַנג אויסגעניכטערט און אין קויל פאַרוואַנדעלט און אויף דעם ליכטיגען וועג ווערט דאָס ליב פון פאַרלאַנג געהייליגט. ווערט די תאוה אין פריה־מאָרגען אויסגעבאָדען און איז א גאָט צווישען געטער.

קומט אַמאָל דער ווינט און ברענגט מיט זיך א בלומען־ריח; צווישען בלומען זיך געשפילט, זייער זיסען ריח מיט זיך אין וועג אריין פאַר־נומען. באַגעגענען מיר דעם ווינט אויף אונזער

פאַרן מאָרגנשטערן

וועג, דערצעהלט ער אונז פון יענע ווייטע בלומען־פעלדער, און אונזער בלוט איז אָפען צו באַגעגענען יענעם ווינט; און וועלטען אזויגע ווייטע ווערען דאָך צום נאָהענטסטען צו אונזער האַרצען.

טרעפט אמאָל, אַנטקעגען אויף אונזער וועג איז אונז א קליין קינד ארויסגעקומען, שמייכעלט אונז אין פּנים, און אונזער בלוט — עס שפּיגעלט אָפּ אזוי דעם קינדערשען שמייכעל און ווערט געליטערט. אָבער מענש מיט מענש באַגעגענען זיך אליין אויף א זייטיגען וועג, און איינער וויל דעם אַנדערען איבערגעבען זיין האַרץ — ציטערט אזוי דאָס האַרץ, שוימט אזוי דאָס בלוט, ווערט עס אָנגעפילט מיט א ווילדען פּחד. האַרץ מיט האַרץ האָבען זיך געביטען מיט זייערע געסטען, באָדען זיך אין א פרעמדען שטראָם און ווערען געגלעט פון פרעמדע ווינטען —

הונדערט פיראונפערציג

רויך בלינדע וועגן

זאָל דאָס האַרץ ניט ציטערן אין דעם פרעמדענ׳ס אָרעמס, אויב בלוט מיט בלוט האָבן לאַנג שוין אין איין שטראָם זיך צונויפגעגאָסען, ווען איין פריהמאָרגען שפּיגעלט זיך אין זייער ביידענס בלוט !

א שטיטע רופט פון אונזער בלוט און שרייט זיך דורך מיט ווייטע־נאָהענטע וועלטען, און פון ווייטען טראָגט זיך דער גערויש פון אזעלכע נאָהענטע שטראָמען ; און דאָך צאַפּעלט זיך דאָס האַרץ אין דער פינסטערניש, ווערט איינגעוויקעלט אין פרעמדען פחד.

איז דאָך אין יענעם פרעמדען פחד אונזער תאוה געבאָרען געווארען, און אין יענעם פרעמדען ציטער איז זי געוואָרען פארשאָלטען !

דאַריבער רויכערט אונזער פייער און ווערט אין דעם אייגענעם רויך דערשטיקט.

הונדערט פינפאונפערציג

פאַרן מאָרגנשטערן

דאַריבער שטורמט אונזער האַרץ און ווערט
פון אייגענעם שטורם פארטויבט.
דאַריבער שטראָמט אונזער בלוט דורך בלינ־
דע וועגן און גיסט זיך מיט׳ן טרערן־שטראָם
צוזאמען.

פּעלד בלומען

וועך האָט אויסדערוועהלט דעם אָרט פאר די פּעלד־בלומען? האָט אימיצענס נייגעריגקייט געוואָרט צו זעהן בלומען אויף דעם אָרט?

קיינער האָט דאָרט ניט ווייטער געמאַכט די ערד און קיינעמס בליק האָט יענעם אָרט ניט גע־וואָרימט און ניט געבענשט. און דאָך, מיט'ן אָנקומען פון פריהלינג, האָט זיך אָנגעהויבען צו רירען און צאַפּלען א לעבען אין דער פייכטער ערד, און דער, וואָס זיין האַרץ ציטערט אזוי דערנעהענטערענדיג זיך צו די ערשטע קינדער פונ'ם פריהלינג, איהם האָט עס געצויגען אין פּעלד אריין צו וואַרימען מיט זיין ליבע די פּעלד־בלומען אין אונזערע פּעלדער.

הונדערט זיבענאונפערציג

פאַרן מאָרגענשטערען

ווײַל אמאָל אימיצער זיך לאָזען אויף וועגען שוין פאַרגעסענע, פאַרלאָזענע — ער וועט זעהן, אַז ווי נאָר די טריט־שפּורען זענען פאַרשוואונדען געוואָרען אַלץ גרינגער איז געוואָרען דער פאַס, וואָס האָט געהייסען וועג און בלומען האָבען זיך באַוויזען אויפ'ן אָרט וואו ס'האָבען זיך געבליוכט שטויביגע טריט.

אַזוי איז באַשערט.

וואו אונזערע טריט רירען אָן די ערד, ווערט דאָס גרינגע גראָז פאַרוועלקט און מיט'ן נאָמען וועג אָדער שטעג ווערט באַקרוינט דער בלאָטיגער שנור פון אונזערע טריט. צילען שוין אַהין די אויגען פון אַ זוימיגען פאַרבייגעהער; טראַכט שוין פונ'ם וועג דער מענש אויף זיין געלעגער, דערצעהלט שוין פון איהם די מאַמע צו איהר קינד און עס בענקט שוין צו איהם דאָס קינד נאָך זויגענדיג דער מאַמעס ברוסט.

הונדערט אַכטאונפערציג

פעלד בלומען

האָט די מוטער דערצעהלט איהר קינד, אז אויף דעם גרויען פּאַס, וואָס האָט דעם נאָמען וועג, איז אַמאָל גראָז געוואַקסען, בלומען געבליט און די צייט האָט זיך געשפּילט אין זומער און ווינטער, אין פריהלינג און הערבסט?

שוין מיט די מילך אינאיינעם גיט איבער מוטער צו קינד דעם סוד פון א גרויען לעבען; דעם סוד פון א שטויביגען וועג וואָס ציהט זיך דורך גרינע פעלדער.

די נאַכט זי האָט איהרע סודות; דער טאָג פאַרמאָגט זיינע וואונדער — צו ביידען הערט זיך צו אונזער האַרץ.

— וואָס ברייננט מיט זיך דער טאָג? און וואָס ברייננט פאר מיר די נאַכט?

יענע בלומען, וואָס זענען אויסגעוואקסען אין פעלד, האָט דער ווינט פון ערגעץ געבראכט צו טראָגען די קערענדלאך און פאַרזייט אויף אן

פארן מאָרגענשטערן

איינזאם פעלד. זענען דאָך ווינטען פאַראַנגען וואָס ברענגען צוטראָגען אזעלכע ליכטיגע קערענדלאך פון אנדערע וועלטען און פארפלאַנצען אין אונזער נשמה, און זיי וואַקסען אויס אין האַרצען אינאיינעם מיט דעם ערשטען ליכטיגען פריה־מאָרגען.

פארוואָס לאָזען מיר דורך אונזער האַרצען ציהען די גרויע שלוחים פון אונזערע גרויע טעג, וואָס טרעטען איבער אונזערע ליבע פעלד־בלומען?

וואָס איז ווערט דער לעבעדיגער מענש אליין ביי זיך אין זיינע אויגען? וואָס וואָלט ער געגעבען פאר זיין לעבען אין דער רגע וואָס דער אָפּגרונט עפענט אויף זיין מויל?

— אַלץ וואָלט ער דאָך אוועקגעגעבען; אַלץ וואָס נאָר זיין געדאַנק באַשאַפט איהם אין דער רגע ביים אָפּגרונט —

הונדערט־פופציג

פעלד בלומען

— פון וואַנען האָט ער אזא עשירות גענומען אין דער לעצטער רגע בייט אָפּגרונד שטעענדיג? פארוואָס האָט ער די ליכטיגע וועלט דערזעהן אין דער לעצטער רגע, וואָס האָט איהם צום אָפּגרונט געבראַכט?

האָט ער די פעלד בלומען געפלאַנצט, וואָס ער שענקט איצטער אוועק און וויל פאר זיי זיין לעבען מציל זיין? האָט ער געזאָרגט פאר די בוימער, וואָס ביים זייט וועג? האָט ער געטריבען זיינע בליקען, זיי זאָלען דורכדריגגען דורך די געדיכטע צווייגען וואָס ביים זייט וועג?

צו איהם האָט פּחד געוואונקען פון צווישען די בוימער וואָס ביים זייט וועג!

* * *

עס האָט דער מענש פאר זיך אויסגעקליבען דעם רוהיגען וועג און דאריבער איז זיין האַרץ

פארן מאָרגנשטערן

אזוי אומרוהיג. דער מענש האָט זיך אויסגעזוכט באגלייטער אויף זיין וועג און דאריבער איז זיין לעבן פול מיט שרעק ווי נאר ער בלייבט אליין.

וויל דער מענש פאַרטרייבן זיינע באגלייטער פון זיין וועג און קען אליין קיין טרים ניט מאַכען. לויפט נאָך דער מענש זיין באגלייטער הינטיש טריי און שמעקט די טריט אין שטויב ווען דער פחד כאַפּט איהם אריין אין זיינע צוואַנגען.

ניט קיין שטוב־בלום איז דער מענש; א שטוב־בלום, וואָס איז אין ענגען טאָפּ פאַרפלאַנצט, קלאַפּענדיג מיט די בלעטער אין די קאַלטע שויבען. אויך ניט קיין גאָרטען־בלום, וואָס ווערט געצערטעלט פון אימיצענס בליקען און ווערט פאַרשניטען אין איהר מיטען בלומען־לעבען.

אליין אין פעלד איז די בלום געוואַקסען ;

פעלד בלומען

אליין מיט איהר אייגענעם ריח איהר לעבען פול געמאַכט, געלעבט מיט'ן גאַנצען געלד און באַצירענדיג דאָס גאַנצע פעלד ארום...

אליין פאר זיך, אליין פאר זיך נעמט אויף דאָס האַרץ אלץ וואָס די ווינטען ברענגען איהם צוטראָגען פון דער פרעמד. און וויל דאָס האַרץ פון זיין רייכקייט אויסדערצעהלען, ווערט עס אָרים נאָך איידער עס האָט דעם אוצר אויפגעעפענט.

ווייל דאָס וואָס ווינטען ברענגען פון דער פרעמד אין דער שטיל צו אונז צוטראָגען, דאָס געהער צו אונזער האַרץ און מוז אונזער האַרץ האַלטען פול ווי דער ים. פליצט איבער די ראַנדען, קען דאָס האַרץ פאר דעם קיין גרעניצען ניט שטעלען · און דאָס איז אונזער תיקון אין א שווערער רגע; דאָס איז אונזער דערלייזונג אויפ'ן שווערען וועג.

הונדערט דרייאונפופציג

פאַרן מאָרגענשטערען

פעלד־בלומען איבער די פעלדער צוזייט און צואוואָרפען. יעדע איינע איהר קאָליר. יעדע איינע גרויסט זיך מיט איהר אייגענעם חן.

פעלד־בלומען אינ׳ם ברייטען פעלד, פון קיינעמס האַנט ניט געצערטעלט און דאָס פעלד איז א היים פאר זיי.

פעלד־בלומען איבער ווייטע, ברייטע פעלדער צוזייטע און יעדע איינע חלום׳ט איהר אייגענעם חלום דורך נאַכט און יעדע האָט איהר ליכט צוזאַט ווען דער באַגינען באַלייכט דאָס פעלד.

אזוי איז דער גורל פון דעם וואָס קען זיין האַרץ ניט צורייסען אויף שטיקער און קען אויך ניט זיין האַרץ פארגלייכען צו א וויין־בעכער, וואָס ווערט אָנגעפילט כדי איהם שפעטער לער צו מאַכען.

פול זאָל בלייבען דאָס האַרץ און זאָלען אי־

פעלד בלומען

בער די ראַנדען שענקיטען און לוימערקיטען
זיך שוימען.
עס שמעקט די בלום איהר אייגענעם ריח
און עס טרינקט דאָס האַרץ זיין אייגענע פּיין.
פעלד־בלומען פון קיינעם נים געצערטעלט.
אזוי איז אויך אונזער גורל.

וואונדער

עס האָט זיך אונזער נשמה אויף צווייגען צוצווייגט און יעדער צווייג באַזונדער ציהט זיך צום ליכט. איהרע צווייגען־קינדער ציהען זיך אין די רוימען און טראָגען אונזער ברכה אוועק צו די העכסטע בערג.

אזוי שיקט די נשמה איהר חסד אוועק אהין, צום טיפסטען טאָל.

ווען דער שטורם ברעכט גרינע צווייגען פון די בוימער, פיהלט דער שטאַם די וואונד, ווען דער שטורם ברעכט אונזערע אייגענע צווייגען, פיהלט אונזער איך דעם וועהטאָג. אונזער לע־בענס־קוואַל איז דער פאָטער פון אונזערע יסורים.

הונדערט זעקסאונפופציג

וואונדער

דער לעבענס־קוואַל מאַכט דעם וועהטאָג פון אונ־זערע וואונדען שאַרפער.

צו אונזער שוועל קומען דאָך ביידע, סיי דער טאָג און סיי די נאַכט, און שפּרייטען אויס זייערע געצעלטען, און ביידע וועבען ארום אונז זייער כשוף, און ביידע פאַנגען אונזער האַרץ; ביידע האַלטען די ברעגעס פון אונזער לעבען און מאַכען אונזער לעבען גרוים אָהן א ברעג. אָבער ביידע, סיי דער טאָג און סיי די נאַכט, האָבען אויך א טיר אויפגעעפענט, וואָס פיהרט צו א פינסטערען תהום, פון וואַנען עס רייסען בייזע ווינטען און ברעכען אונזערע צווייגען. ווייל גאָר נאָהענט צו אונזער שוועל האָט אויך דער וואונדער זיין אָרט. אויך פאר איהם האָבען מיר שטיין צו שטיין געשלעפּט און געבוים א פונדאַ־מענט.

אהין פויזען אונזערע קינדער זיך צו דער־

געהרען. אהין, צום וואונדער, האָט דאָס לעבען טרעפּ פון גאָלד און זילבער אויסגעהאַקט, מיט בריליאַנטען און רובינען אויסגעפלאַסטערט. אויך אַהין ציהען זיך אונזערע חלומות צו געפינען זייער תקון.

בלינדערהייט געהען מיר אהין וואונדער זוכען.

עס וואָלט דאָס מינדסטע ווערעמעל זיך פאַר־וואַנדעלט אין א ליבּ, ווען ניט צו זיין א וואָ־רים וואָלט געווען זיין גורל.

האָט דאָך דער ליבּ זיין אייגענעם גורל, ל י י ב צו זיין און ניט קיין וואָרים.

האָט דאָך אויך דער מענש דעם גורל פון ליבּ און וואָרים אין זיין האַנט, זייערביידענס וועג פאר זיינע אויגען. ער זעהט, אז ליבּ און וואָרים קענען ביידע זייער גורל איבּאויבּעם ניט פאַרקניפּען, און דאָך האָט ער, דער מענש, זיין

וואונדער

האַרץ צוריסען — העלפט פאר די ווערים מקריב געווען און דער צווייטער העלפט באַפוילען:

— זיי דער מושל איבער וועלטען!

דער קנעכט און שפל טרינקט דאָס בלוט פון זיין אייגען האַרצען, שעפטשענדיג דערביי זיין תפילה, וואָס פאַלט נעבען זיינע פיס און מישט זיך אויס מיט'ן שטויב פון זיינע טריט.

דער קנעכט און שפל ווארט, אז וואונדער גרויסע וועלען געשעהן, וואָס פון זיינע טרערען וועלען גרינען ארום די פעלדער און פון יעדען שטויבעלע וועט א באַרג באַשאַפען ווערען.

* * *

עס האָט דער גרויסער ווילען א גאָט באַשאַפען און שפעטער צו איהם אליין דעם קאָפּ געבויגען אונטערטעניג און געוואַרט אויף זיין ברכה. געוואַרט אויף גרויסע, גרויסע וואונדער.

הונדערט ניינאונפופציג

פארן מאָרגנשטערן

הערשט דאָס קינד איבער זיין פאָטער. ווארט דער פאָטער אויף דעם חסד פון זיין קינד.

אָבער עלענד איז די ברכה, וואָס עס בעטעלט דער גרויסער ווילען ביי זיין אייגענעם גאָט, זיין קינד!

אָהן דיין ווילען ליגען געטער בלאָס און פאר׳יתום׳ט אין די גאַסען פון דיין לעבען; אויף די וועגען פון דיין לעבען.

נאַקעט שפּרייט זיך דאָס לעבען פאר דיין שוועל.

זעהסט, ווי מוטער געבוירט איהר קינד; זעהסט, ווי קינד באַקלאָגט זיין מוטער.

נאַקעט שפּרייט זיך דאָס לעבען פאר דיין שוועל.

זעהסט א קבר, ביים זייט א דאָרען; אין קבר צאַפּעלט זיך א לעבען, וואָס איז פאר דער

צייט אויסגעגאַנגען; צאַפּעלט זיך א האַרץ, וואָס רייסט זיך צום הימעל לויטער און פריי.

נאַקעט שפּרייט זיך דאָס לעבען, וואָס קוועלט ארויס פון אונזער אייגענעם לעבען; שיקט די צווייגען אזוי צאַרט און אזוי ליכטיג צו זוכען א וועג אין ווייטע־נאָהנטע רוימען; צו זוכען א וועג אין די טיפעניש׳ען פון אונז אליין באַשאַפענע. *נאָהענט* און *ווייט* האָבען זיך געביטען מיט זייערע נעסטען. נאָהענט און ווייט האָבען זיך ביי די הענט גענומען און טאַנצען אין קאַראַהאָד פאר אונזער שוועל.

זעה, דו ביסט גאָט פון נאָהענט און ווייט — בײדע זענען וועכטער פון דיין טיר!

קליינע קינדער באָדען זיך אין זייער יונג געלעכטער. קליינע קינדער פלעכטען קרענץ פון זייערע וועלטען און גראָבען קוואַלען אזוי טיף, אזוי יונג.

פארן מאָרגנשטערן

וואָס טוט דער וואונדער מיט יענעם געלעב־טער?

וואָס טוט די עלטער מיט דער יוגענד־קוואַל?

— אויף די יונגע צווייגען, וואָס אין די ברייטע רוימען, האָט די עלטער געלאָזט זיך לעגען דעם שטויב פון גרויע וועגן און פאַר־בעטן בלינדע סאָוועס דאָרטן נעסטען זיך צו בויען. האָט פארבעטן פלאָג און ווערים, וואָס זאָלען ארום דער נעסט זיך נעסטען מאַכען. האָט פארבעטן דעם בייזען ווילען די צווייגען אוב־טערהאַקען. האָט פארבעטן ווינט און האָגעל פון מענשענס ווערק א סוף צו מאַכען.

וואונדער איז געוואָרען הערשער אין עלטערס קעניגרייך פול מיט טרויער.

וואונדער האָט ארויסגעשיקט זיינע

הונדערט צווייאוןזעכציג

וואונדער

שלוחים אויף אלע וועגען צו מאַכען בלינד אונ־זער ווילען.

ו ו א ו נ ד ע ר האָט דעם ליב פאַרוואַנ־דעלט אין א וואָרים, שוואַך און נישטיג.

ו ו א ו נ ד ע ר רייסט די זון פון אונזערע הענט, אויף פחד אנידער געשטעלט אונזערע טריט און באַפוילען:

— ו ו י ל ע ן און פ ח ד זאָל איינער דעם אַנדערן ביי די הענט זיך פיהרען!

ו ו א ו נ ד ע ר שטעהט צוקאָפּענס בייַם יונגען קינד און פאַרבט איהם גרוי די קומענדיגע טעג. עס איז וואונדער, אונזער וואונדער, וואָס האָט געלאָזען אונז ווי קליינע קינדער אויף א פרעמדען וועג. געלאָזען אונזער האַרץ אין בלוט זיך וואַרגען. געלאָזען אונזער ווילען גוסס אויפ'ן מיטען וועג.

ספקות

האַלב אין ליכט, האַלב אין שאָטען ליגט אונזער וועג. האַלב אין פריהמאָרגען, האַלב אין פינסטערניש זענען פאַרצייכענט אונזערע טריט. אַמאָל קלאַפּט דאָס האַרץ אַנטקעגען דעם מאָרגנשטערען און אַמאָל ווערט עס דערשטיקט אונטער דער אייגענער משא.

א שטימע פון אונזער בלוט ווייזט פאַר יעדען פונק ליכט, וואָס ווערט אין אונז אויסגעלאָשען. עס איז נאָר דאַמאָלסט, ווען מיר זענען מיט דער פּלייצע צו דער ליכטיגער זון, וואָס דער שאָטען אונזערער לויפט פאראוים אויף אונזער וועג און שפּעט איבער אונזערע אומ־

זיבערע טריט; שפעט פון די געשטרויכעלטע טריט.

דער מענש האָט מורא צו לאָזען זיך זוכען באַהאַלטענע וועגען, און דאָך איז זיין האַרץ שטענדיג מיט זיי. האָט ער געמאַכט די ווירק־ליכקייט אונטערטעניג צו זיין חלום, פאַר וואָס האָט ער זיינע כחות געשמידט אין קייטען פון זיינע ספקות? באַדאַרף איך באגראָבען מיין גלויבען ביים שוועל און טרעטען איבער איהם, זוכענדיג פרעמדע וועגען, וואָס ליגען ערגעץ באַ־האַלטען אין דער פינסטערניש?

אין אָוועגט — אין שפיל פון ליכט און שאָטען — ווערט דעם מענשענס האַרץ אומרוהיג. ווערט איהם פרעמד דער וועג, וואָס פיהרט צו זיין אייגענער שטוב. אין דעם ציטער פון פריה־מאָרגען ווערט זיין האַרץ רוהיג, דערשפירענדיג די טריט אויף א זיבערען וועג.

פאַרן מאָרגנשטערן

— פאַרוואָס איז איהם זיין גלויבען ניט ארויסגעקומען אַנטקעגען, ווען די נאַכט האָט גע־לויערט אויף זיין וועג? זיין גלויבען האָט פּחד־שלוחים אַנטקעגען ארויסגעשיקט, זיי זאָ־לען איהם איבערנעמען אויף זיין וועג. אויב אזוי, איז דאָך ניט ביי זיין טיר האָט ער באַ־דאַרפט באַגראָבען זיין גלויבען, און זיין האַרץ צו איהם ברייגגען פאר א קרבן!

ווען אונזער ווילען באָדט זיך אין בלוט פון אונזער אייגענעם האַרצען, ציטערט די ערד פאַר פרייד.

טרעפט אָבער, אז דער ווילען וועלקט צווי־שען גרויע ספקות, דאַמאָלס שפּילט דער טייוועל זיין בייזען חוזק־שפּיל; באַפעהלט ער איינעם גראָבען גריבער און שפּעטער זיי פאַרשיטען; דעם אַנדערען הייסט ער שלעפּען שטיינער, הור־בען זיי פאַר זיינע פענסטער. און ביי דער

ספקות

ערשטער, סיי דער צווייטער, טרינקט ווײַן פון דעם אייגענעם כוס, טרינקט פיין פון זיין אייגענער האַנט.

קוקסט אין די אויגען פון דיין ברודער, זעהסט — דיין ברודערס טרויער בליקט ארויס פון זיינע אויגען, אָבער נאָגען נאָגט דיר דיין אייגענער טרויער. טרינקסט אליין דעם ווײַן אויס. טרינקסט אליין דעם פיין אויס.

ווייל ניט קיין אייזעל און ניט קיין מויל־אייזעל איז דער גלויבען, וואָס באַדאַרף שלעפּען אונזער דלות אָנגעלאָדען אויף א צובראָכענעם וואָגען. ער איז בלויז דער רעגען, וואָס מאַכט בליהען וויסטע געגענדען; איז בלויז דער לעצטער שטראַל, וואָס לעגט זיך ביי אונזער שוועל, דערמאָנענדיג, אז ערגעץ־וואו פארגעהט די זון.

ער איז בלויז דער וויטער ווינט, וואָס

פאַרן מאָרגענשטערען

קומט פון מזרח־זייט באַגינען מיט דער בשורה, אז דער ליכטיגער טאָג קומט.

אָבער ניט דער ווינט האָט דער זון ארויסגעפיהרט; ניט דער ווינט האָט דעם טאָג געפיהרט אַנטקעגען אונזער לעבען...

* * *

מען זעהט אמאָל: זיצט א מענש אין זיין טיר און הערט, ווי דאָס לעבען רוישט ארום. קוקט ער, ווי זיין קינד שפּילט זיך לוסטיג, לאַכענדיג, אונטער דער זון. ער זיצט אין טיר פון זיין שטוב און די וועלט איז זיינע ביז צום אָרט, וואו זיין בליק קען דערגרייכען — אין ענגער קרייז ארום, וואו זיין לעבעדיג קינד שפּילט זיך איצטער פאַר זיינע אויגען.

— האָט א פרעמדע האַנט ארום איהם גע־

ספקות

מאַכט א קרייז, באַפוילעז, אז אין ענגען רינג
זאָל זיין לעבעז בליהען און פארוועלקען?

דער פויגעל בויגט איין זיין קאָפּ, איידער
ער רייסט זיך אָפּ פון דער ערד צו פליהען אין
ווייטע, הויכע רוימען. דער מענש הויבט אויף
זיין קאָפּ פאר זיין פאַלען, א טריט פאר׳ן אָפּ־
גרונט. מיט זיין אייגענער דערהויבענקייט דער־
נעהנטערט זיך זיין פאַל.

ווייל גאָר ניט ווייט איז דאָך צום העכסטען
באַרג, גאָר ניט ווייט צום אָרט, וואו הימעל און
ערד קומען זיך צונויף, ווען דו ווערסט זייער
גאָט און זייער באַשעפער. רוהט דיין ברכה
אויף דעם העכסטען באַרג־שפּיץ, באַלייכט דיין
ברכה דיין אייגענעם ווילען, ווען ער האָט דעם
העכסטען באַרג דערגרייט.

עס וויל דאָס האַרץ ניט שטיל זיין אין דעם
אייזערנעם רינג, אין דעם שטאָלענעם צאָם. און

פארן מאָרגנשטערן

וועסטו יענעם צאַם צורייסען — וועט אין מיטען דער נאַכט די זון זיך באַווייזען אין דיינע הימ־לען.

האָסט פיר ווינקלען אין דיין שטוב.

אין איין ווינקעל זיצט א קינד און קוקט נאָך דיינע טריט — און קען דיינע טריט ניט פאַרשטעהן. אין איין ווינקעל זיצט די עלטער, גרוי, געבויגען און באַטראַכט דיינע טריט — און קען זיי ניט פארשטעהן. אין איין ווינקעל זיצט דאָס גליק מיט אויגען שטראַלענדיגע און פאר־טרערטע, בענשט דיינע טריט, ווען זיי שטרויכ־לען. זיצט אין פערטען ווינקעל דיין בלייבער ווילען מיט א ביטערען שמייכעל, שעפטשעט אין דער שטיל :

— שטרויכעל, שטרויכעל, גאָט און נאַר ;
שטרויכעל, שטרויכעל, קנעכט און האַר.

טרעפט אמאָל, מיר בלייבען שטיל און הע־

ספקות

רעז, ווי ערגעץ וויינט א קינד הינטער א וואַנט. פרעגט דאָס האַרץ מיט וועה:

— וועמעס קינד קען עס וויינען?

טרעפט אַמאָל, אונזער אייגענער א י ך האָט זיך הינטער א פלויט אראָפגעלאָזט און וויינט אויפ׳ן הויכען קול. זאָגען מיר:

— עס וויינט דער ווינט זיך טולענדיג צו דער מוטער ערד.

און סיי דער פרעמדער ווינט, און סיי דאָס פרעמדע קינד — ביידע האָבען געמאַכט, אז דאָס האַרץ זאָל זיך פלאַגען, וויינען אין דער שטיל.

און אזוי ווערען פרעמדע, פרעמדע טרערען צום האַרצען נעהענטער, ווי די אייגענע פרייד.

ווייל זעלטען, זעלטען הערט דער מענש דעם קלאַנג פון זיינע טריט. און שווער איז אָפּצו־נייגען זיינע טריט פון דעם גרויען לעבענס־

פארן מאָרגנשטערן

וועג, ווי עס איז שווער דעם באַרג, אז ער זאָל זיך פון זיינע פונדאַמענטען אויסרייסן.

אָבער דאָך ניט איינער איז דער גורל פון באַרג און מענש, ווען מענש און באַרג האָבן איינער פון דעם אַנדערן זיך אָפּגעשיידט.

עס איז דעם פויגעלס פליגעל שטענדיג אויף דער וואַך. און דער מענש — גאָט און קנעכט, האַר און שפּל — האָט א גלויבן ביי זיין שוועל באַגראָבן, צו איהם זיין בלאָסן ווילן געבראכט פאַר א קרבן.

און ספקות, ווי ווילדע גראָזן, וואקסן הינטער זיינע פענסטער.

פרייד

אָט זעה איך זי, אונזער פרייד, בלאָנדזשענ־דיג אין איהרע ליכטיגע קליידער; זי פיהרט אונזער חלום ביים האַנט. איך האַלט איין דעם אָטעם ווען איהר שיין פּאַלט אויף מיין וועג; טרערען מאַכען פול מיינע אויגען און דורך פאַרטרערטע אויגען זעה איך ווי זי פאַרשווינדט פון אונז.

מיט טאָג צוגלייך הויבט זי אָן איהר וועג צווישען וועגען; מיט טאָג צוגלייך הויבט זי אָן איהר לעבען צווישען לעבענס. וויים דאָס קינד נאָכצושפּירען איהרע טריט, וויים די יוגענד צו צעהלען איהרע טריט. ווייסט אויך די עלטער צו דערקענען איהר צערטליכען גערויש צווישען אונזערע חלומות. האָט זיך אָבער אונזער בענק־

שאַפט אין יסורים־נעבלען איינגעוויקעלט און זיך געשטעלט צווישען אונז און אונזער פרייד און וואַשט מיט טרערען אונזער האַרץ.

ווען מיר בלייבען אַמאָל שטעהן מיט אונזער פּנים צום לעבענס־קוואַל, באַווייזט זיך פון דאָר־טען צו אונז דאָס געשטאַלט פון אונזער פרייד; אָבער דער שטורם, וואָס האָט זיך דורכ'ן האַרצען געמאַכט זיין וועג — ער פאַרשיט אונזער לע־בענס־קוואַל, פאַריאָגט דאָס געשטאַלט פון אונ־זער פרייד. פרעג:

— וואָס ביסטו האַרץ אָפען פאַר יסורים און בייזע ווינטען?

צאַפּלען וועט דאָס האַרץ:

— אָפען זענען מיינע טירען און ביי זיי איז די קללה א שומר; האָסט אליין דאָס לעבען פאַרשאָלטען און מיך צום שטורם איבערגעגעבען.

ווייל עס דערקענט דער מענש די וואונד.

הונדערט פיראונזיבעציג

וואָס האָט זיך אין זיין ליבּ איינגעגעסן, און דערקענט נים זיין אייגען קינד, זיין פרייד, ווען זי קלאַפּט אין זיינע טירען.

ווייל עס איז דער ווילען פון מענשען ווי א זעגעל אויסגעשפּרייט פון א שוואַכער האַנט אַנט־קעגען ים און ווינט זיך צו שטעלען; און פּאַט־שען ווינטען, לאַכען כוואַליעס, רייסענדיג דעם זעגעל אויף שטיקער — רייסענדיג דאָס האַרץ אויף שטיקער.

בּעטלער האָבּען זיך אויסגעזעצט פון בּיידע זייטען וועג נאָכצושפּירען אונזער קומען, דורות האָבּען זיי, די בּלעטער, טאָרבּעס אָנגעטאָן, אין די טאָרבּעס קללות זיי אין וועג אריין מיטגעגעבּען. זיצען זיי בּיי די וועגען, וואַרטען אויף אונזער דערנעהנטערונג, וואַרטען אויף אונזער בּענקען מיט א פרום פּנים קוקען זיי ארויס צו אונזער האַרץ, בּליקען אריין אין אונזער בּלוט. און די

פארן מארגנשטערן

פריוד, ווען זי פארבלאָנדזשעט אויף אונזער וועג, פאַרשטעלען בעטלער איהר דעם וועג, פארשטעלט די קללה איהר דעם וועג.

שטעהען בוימער אונטער דער זון, זייערע צווייגען אָנגעלאָדען מיט צייטיגע פרוכטען, די צווייגען בויגען זיך אונטער זייער משא, ברעכען זיך אונטער זייער משא, קניהען אונטער זייער אייגענער זאטקייט. וועט ניט זיין קיין האַנט, וואָס זאָל די בוימערס משא פארגרינגערען, וועלען ווינטען אָנקומען אין דער צייט און טרייסלען די ליכטיגע פירות פון די בוימער.

קניהט אויך דער מענש אונטער א משא און ציהט די הענט צו ווערען אויסגעלייזט, אָבער פרעמדע האָבען פון דער פרעמד די שווערע שטיינער צו איהם געבראכט און ניט די פרעמדע האַנט וועט די יסורים זיינע לינדערען.

ביים מענשענס זייט קניהט אויך זיין גאָט

פרייד

אונטער א צווייענדיגער לאַסט. ווייל מענש און גאָט באַזונדער קענען אויף איין וועג קיין וועג ניט האָבען, און גאָט און מענש — איינער קען אין דעם אנדערענס היים קיין רוה ניט געפינען.

ווייל דער מענש האָט א גאָט פאר זיך באַשאַפען זוכענדיג זיין איך אויסער זיך. ביים שוועל פון זיין לייד און פחד האָט ער זיין גאָט באַשאַפען און צו איהם די פרייד געוואָלט ברינגען פאר א קרבן. איז די פרייד ארויס פון זיינע הענט און בלאָנדזשעט אום אויף וועגען וויסטע, אויף וועגען פארלאָזענע; וואַרפט פון ווייטען צו אונז איהרע שטראלען, שיקט פון ווייטען צו אונז איהר ליכט.

* * *

באַהעפט זיך אונזער נשמה מיט די קינדער פון דער ליכטיגער פרייד, וואָס מאַכען פול די

פארן מאָרגנשטערן

וועלט און מאַכען זינגען אלע קינדער פון דער ערד; שטראַלט די מוטער פרייד אויף דער ערד:

— מיט דעם נאָהענטטען קינדס געלעכטער לאַכען איהרע קינדער מיט.

פון דעם וויטען וואַסער־פאַל הער איך זייער פרייד־געלעכטער.

אין וועה פון מוטער אויף איהר בראָך־שטול, אין די קרעכצען פון דער מוטער, ווען זי ווערט א מוטער, לאַכען איהרע קינדער זייער פרייד־געלעכטער, שטראַלען זיי מיט דעם ליכט פון זייער מוטער פרייד.

אין די אויגען פון א פאָטער. ווען ער ווערט א פאָטער; אין די אויגען פון א גוטס ארומגע־רינגעלט מיט זיינע קינדער, לאַכען שטיל און לייכטען צערטליך די קינדער פון אונזער פרייד.

טרעפט—מיר זיצען אין אונזער ענגען ווינ־קעל. טרויער האָט זיך באַזעצט צו וואַכען פאר'ן

שוועל און פלוצלונג הערסטו א גערויש פון וויי־
טען, וואָס קומט פון ווייטע לייכטע פליגלען.
זעהסט פאר דיינע פיס האָבען זיך צעשאָטען
ליכט־פלעקען; פינקלען פאר דיינע אויגען, מיג־
לען זיך אין דיינע אויגען:

— די קינדער פון אונזער פרייד זענען
געקומען טאַנצענדיג. וועקען אונזער האַרץ, וועי־
קען אויף דאָס בלוט. וועקען גלעטענדיג אונזער
נשמה, באווייזענדיג וועלטען אזוי ליכטיג, וועל־
טען באַשיצט פון דער מוטער פרייד און איהרע
קינדער.

האַלבע נאַכט, ווען וואַך איז דאָס האַרץ,
פאַרנעמען מיר ווי עס רוישט דאָס בלוט ארויס
פון האַרצען, רוישט דאָס לעבען אין אונזער
בלוט. און ווען מיר שטרעקען יעמאָלט אויס אין
דער פינסטער אונזערע הענט, קומען דאָך די קינ־
דער פון דער פרייד און זעצען זיך אויף אונ־

פארן מארגנשטערן

זערע הענט. פיהלסט — א ליכטיגקייט שטראַמט דורך דיינע פינגער און צינדט אָן די אויגען פון דער נאַכט. פיהלסט — דיין לעבען צינדט זיך אָן און פלאַקערט אינאיינעם מיט דער נאַכט.

און ווען בליצען שניידען דורך די שווערע וואָלקענס און דונער־כוואַליעס פאַטשען איבער אונזער קאָפּ — קוקט ארויס די פרייד פון יענע כוואַליעס, לאַכען איהרע קינדער מיט לוסט און לויטערקייט.

און ווען דאָס ליכט צינדט זיך אָן אינ׳ם פויגעלס אויג, און ווען עס שפּילט אויף א גרי־נעם בלאַט; ווען עס צינדט זיך אָן אין רעגען־טראָפּען אָדער עס ציטערט שפּילענדיג אויפ׳ן קאָרענזאַנג — געה אהין באַגעגענען איהרע קינ־דער, קינדער פון אונזער פרייד.

שטעלט זיך אין איין שורה מיט איהרע קינדער, קינדער פון אונזער ליכטיגער פרייד!

הונדערט אכציג

אינהאַלט : זייט :

דער שטראַל — — — — — — — — — פינף

דערגער — — — — — — — — — דרייצען

הייליגקייטען — — — — — — איינאונצוואַנציג

טרערען — — — — — — — — ניינאונצוואַנציג

וואונדען — — — — — — — — — אַכטאונדרייסיג

קייטען — — — — — — — — פינפאונפערציג

בעטלער — — — — — — — — — פיראונפופציג

האַלבע פאַרלאַנגען — — — — — איינאונזעכציג

צייט — — — — — — — — — — ניינאונזעכציג

איין רגע — — — — — — — — אכטאונזיבעציג

שטויב — — — — — — — — — זיבענאונאַכציג

ווערים — — — — — — — — — פיראונניינציג

שרעק — — — — — — — — — הונדערט דריי

רייד — — — — — — — — — הונדערט צוועלף

אינהאלט :   זייט :

אונזערע טריט — — הונדערט צוויי־און־צוואנציג

צווישען וועלטען — — — הונדערט דרייסיג

דורך בלינדע וועגען — הונדערט אכט־און־דרייסיג

פעלד בלומען — — הונדערט זיבען־און־פערציג

וואונדער— — — — הונדערט זעקס־און־פופציג

ספקות— — — — — הונדערט פיר־און־זעכציג

פרייד — — — — הונדערט דריי־און־זיבעציג

קאלאראדא,

טויזענד־ניין־הונדערט־אכצעהן